NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11804

IN DUKOR

Daniel Charney

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאַניִעל טשאַרני

אין דוּקאָר

„קינדערפרײַנד", וואַרשע 1937

Printed in Poland

D A N I E L   C Z A R N Y

I N   D U K O R

„Kinder-Frajnd" Warszawa 1937

זעצעריי ה. גלאַנץ, טוראַנאָווסקע 28 וו. 25

Druk. „R e n o m a", Warszawa

דאָס דאָזיקע בוך איז דורכן מעכאַ־
בער ספּעציעל באַאַרבעט געוואָרן
פֿאַר יוגנט פֿון ערשטן טײל פֿון זײַן
„משפּחה־כּראָניק“

אַרײַנפיר

דער טויט האָט אַ פּאָך געטון מיט זײַן שוואַרצן פליגל איבער מיר, ווען איך בין נאָך אין וויג געלעגן. דעם טאַטנס גסיסעזיפצן האָבן זיך אײַנגעביסן אין די כעוולייּלײדע פון מײַן מאַמען, און מײַן שטים איז אַד האַיעם אַן אָפּקלאַנג פון אָט די בײדע ווײגעשרײען.

מײַן מאַמע האָט זיך מיט אַלע קױכעס באַמיט צו פאַרטרײַבן מיט איר פאַרביטערטער אַלמאָנע־מילך די טובערקולאָז־באַצילן, וואָס דער טאַטע האָט מיר געהאַט איבערגעלאָזט בעיערושע. ס'איז קימאַט די אײנציקע יערושע, וואָס איך האָב געהאַט באַקומען פון מײַן טאַטן.

איך ווער קראַנק

בײַ דער מאַמען בין איך געווען דער אַכטער, אָבער צוויי קינדער זענען אין די קלײנע יאָרן געשטאָרבן, זענען פאַרבליבן זעקס; די סאַמע עלטסטע — אַ טאָכטער און פינף זין, ווי פינף פינגער אויף אַ האַנט, אײנער קלענער פאַר דעם אַנדערן.

צום גליק איז מיר באַשערט געווען צו זײַן דער סאַמע קלענסטער, אָבער דאָך דער סאַמע גרעסטער יאַכסן: ערשטנס, דער מיזיניק־יאָסעמל און צווייטנס טאַקע — דער קראַנקער. שוין אויפן צווייטן יאָר פון מײַן לעבן האָט זיך דער אינעווייניקסטער קאַמף צווישן דעם טאַטנס טובערקולאָז־באַצילן און דער מאַמעס אַלמאָנע־מילך אַרויסגעריסן פון אינעווייניק אויף דרויסן, און כ'בין באַדעקט געוואָרן מיט געשווירן, בלאָטערן און ווונדן, וואָס נאָר ציגײַנער און טאָטערן האָבן געוווסט אַ שפּרוך צו זיי, אָבער נישט קײן היילונג.

נאָר ווער האָט מיך געקענט היילן אין אַכצן הונדערט נײַנ־ציקסטן יאָר ערגעץ ווו אין אַ פּאַרוואָרפענעם שטעטעלע – דו־קאָר (מינסקער גובערניע), ווו ס'איז קיין דאָקטער נישט געווען אויף אַ רעפּוּאה? ווען ס'וואָלט אַפילו געווען אַזאַ, וואָלט די מאַמע סײַ ווי נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן אים.

עמעס, די מאַמע איז געווען אַ קרעמערקע, האָט געהאַנדלט מיט לעדערוואַרג אויפן גאַנצן קאַנט און פאַרמאָגט אַוואַדע אויף אַ פּאָר הונדערט רובל סכוירע אין שפּײַכלער. אָבער באַלד נאָכן טאַטנס טויט האָט אַ שאָכן אונדזערער, מוישע בערלס, געעפנט פּונקט אַזאַ קרעמל און געמאַכט דער מאַמען קאָנקורענץ. איז דער אַלמאָנע־עלנט געוואָרן נאָך גרעסער.

פלעגט מיך די מאַמע היילן מיט אירע טרערן און בראָ־כעס.

גראָד האָט די מאַמע מײַנע געהייסן בראָכע.

דער געטשקע

ווען כ'האָב זיך געהאַט געשטעלט אויף די פיסלעך (דאָס האָט געמוזט זײַן אויפן זעקסטן יאָר פון מײַן לעבן), איז שוין די שוועסטער מײַנע געווען גענוג גרויס, זי זאָל העלפן דער מאַמען אין באַלעבאַטישקייט. זי פלעגט שוין יעדן פרײַטיק וואַשן די קעפּלעך בײַ די עלטערע ברידער, אויסער מײַנס, ווײַל מײַן קעפּל איז געווען גאָר אַן אַנדער מין קעפּל, און די מאַמע אַליין פלעגט עס שוין באַאַרבעטן...

ערשט דענסטמאָל האָב איך אָנגעהויבן באַגרײַפן, אַז כ'בין אין שטוב אַ שטיקל יאַכסן, אַז מיך טאָר מען נישט באַליידיקן, ווײַל די מאַמע האַלט מיך שטרענג אונטער איר שוץ, אָבער נישט די שוועסטער און נישט די ברידער מײַנע האָבן געפילט אַ וועל־כע נישט איז קינע אָדער פאַרביטערונג. אויך זיי האָבן שוין גע-האַט באַגריפן, אַז איך בין טאַקע אַ שטיקל יאַכסן.

מערנישט די יידענעס, וואָס האָבן געוווינט מיט אונדז אין שכיינעס, האָבן מיך געקרוינט מיט דער צונעמעניש „געטשקע״, דאָס הייסט, אַז די מאַמע האַלט מיך פאַר אַן אָפּגאָט, בייס איך בין נישט מער ווי אַ פליאַגע, אַ קאַליקע, וואָס ווען ער שטאַרבט

באַציִטנס – וואָלט עס גוט געווען סײַ פאַר מיר, סײַ פאַר דער מאַמען...

איך האָב זיך אָבער אײַנגעשפּאַרט און בעשום אופן נישט געוואָלט שטאַרבן, כאָטש די מאַמע האָט שוין נישט איין ליכטל געהאַט אויסגעבערענט, היטנדיק מײַן נעשאָמע.

איך בין טאַקע געווען אַזאַ פּליאַגע, אַז מען האָט מיך אַפּי־לע נישט געקאָנט שיקן אין כיידער צו פינף־זעקס יאָר, ווי מען פּלעגט עס טאָן מיט די עלטערע ברידער מײַנע. האָט די מאַמע אײַנגעלאַדן עפּעס אַ זאָקן מוישע־הירש, וואָס האָט געהאַט גראָ־געלבע, צעפּוילטע וואָנצעס פון צופיל טאַבאַק שמעקן און פון צופיל נאָזפּײַכטקייט. ס'האָט געטראָגן פון אים, זאָל ער מיר מויכל זײַן, מיט שוויס און אַלטקייט. דאָך אָבער האָט ער מיך אויסגעלערנט דעם אַלעפבייז און זאָגן קאַדיש און לייענען קרישמע און ווער ווייס, וואָס נאָך ער וואָלט מיך אויסגעלערנט, אָט דער מוישע־הירש, ווען ער גיט נישט פּלוצים אַ שטאַרב אַוועק און ער באַקומט נאָכן טויט גאָר אַן אַנדער מין קויעך אין זיך, און נעמלעך: שטאָט מײַן רעבע ווערט ער גאָר מײַן רויפע.

לאָזט זיך אויס, אַז דער דאָזיקער טויטער מוישע־הירש קאָן מיך אויסהיילן, אויב נאָר ער וועט מיך אַרומנעמען נאָך דעם, ווי מען האָט אים שוין געהאַט מטאַהער געווען. האָט מיך די מאַמע אַוועקגעפירט אויף בלאָטע גאַס, וואָס אין עק שטעטל. אין אַ כאָרעווער הײַזקע אָן אַ פּאָדלאָגע איז אויף דער הוילער ערד געלעגן מײַן טויטער רעבע מוישע־הירש מיט אַ שטײַט האָלץ צוקאָפּנס, און איינער אַ ייִד פון כעוורע־קאַדישע האָט מיך, דעם זיבניעריקן געטשקע, צוגעפירט צום טויטן קער־פּער, אויפגעהויבן זײַנעביידע צעבאַבעטע קאַלטע הענט און מיט שטעקלדיקע פינגער זײַנע גענומען דראַפּען מײַן פּאָנעם, האַלדז און ברוסט.

פון דענסטמאָל אָן פיל איך, ווי דער טויט האָט זיך מיט זײַן גאַנצער שרעק אָנגעהאָנגען אויף מײַנע אַקסלען, און אַד האַיעם איז מיר דער קאָפּ עטוואָס געבויגן צו דער ערד, ווי ר'וואָלט געטראָגן אויף זיך אַ שווערע מאַסע.

די מאַמע פאַרקויפט מיך

די מאַמע מײַנע האָט זיך נאָך נישט באַנוגנט מיט דער דאָזיקער טרופּע אַליין און האָט מיך נאָך פאַרקויפט (אויף צו קלוימערשט, נאַטירלעך) צו אײגעם זייער אַ מאַזלדיקן ייִד אין שטעטל, צו עליע קאַראַבעווטשער. זײַן מאַזל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זײַנע קינדער זענען טאָמיד אויסגעלייזט געוואָרן פון די „כאַפּערס" הענט, האָבן נישט געדינט אין סאָלדאַטן, און וואָס זײַן הײַזקע האָט נישט געהאַט אָפּגעברענט בײַס דער גרויסער סרייפע אין דאָרפגאַס.

איז די מאַמע געקומען איין מאָל צו עליע קאַראַבעווטשער מיט דער באַקאָשע, ער זאָל בײַ איר אָפּקויפן דעם מיזיניק אירן. זי האָט אים אויסגעדערציילט איר גאַנץ פּאַראַלמאָנעווטע האַרץ, און ווי שווער סע קומט איר אָן צו דערהאַלטן מײַן נעשאָמע, אַל קיין וואָלט זי אים בעסער וועלן פאַרקויפן ביז באַרמיצווע. נאָך דעם וועט ער שוין, מירצעשעם, לעבן אין זײַן אייגענעם זכוס...

עליע קאַראַבעווטשער האָט זיך אָפּאָנעם גלײַך אָנגעשטויסן, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. נישט לאַנג געטראַכט, האָט ער אַ פרעג געטון, וויפל אַן ערעך וויל זי דאָס פאַר איר טײַערער מעציִע. דערבײַ האָט דער אַלטער מיך געגעבן אַ קוק אָן פון קאָפּ ביז די פיס, ווי ער וואָלט ווירקלעך געוואָלט זיך איבערצײַגן, צי כ'בין ווערט דאָס געלט, וואָס די מאַמע בעט פאַר מיר. אָבער די מאַמע, לאָזט זיך אויס, האָט קיין סאַך נישט אויסגעבעטן, סאַכאַקל פינף גראָשן זאָל ער געבן פאַר מיר.

ער האָט זיך מיט איר גאַנץ ערנסט אַ דונג געטאָן, ביז סאָף-קאָל-סאָף מ'איז מושווע געוואָרן פאַר אַ דרײַערל (דרײַ גראָשן), וועלכע ער האָט טאַקע בימזומאָנים אויסגעצאָלט דער מאַמען מײַנער.

דאָס דרײַערל האָט די מאַמע גלײַך אַרײַנגעוואָרפן אין דער צדאָקע-פושקע פון מייער באַל האַנעס, און עליע קאַראַבעווטשער איז געוואָרן מײַן צווייטער טאַטע. אייגנטלעך האָט מיך נישט געאַרט, וואָס די מאַמע האָט מיך פאַרקויפט צו אַ פרעמדן

יִידן, ווײַל געבליבן בין איך דאָך סײַ־ווי־סײַ בײַ איר, אָבער ס׳האָט מיך נאָר פֿאַרדראָסן, וואָס דער נײַער טאַטע מײַנער פֿאַרנעמט זיך מיט אַ מִיעסער מעלאָכע – ער שינדט אָפּ די פֿעל פֿון די פֿאַרשידענע פֿעגירעס און טאָמיד שטינקט פֿון אים מִיט נעווײלע, נאָך ערגער, ווי פֿון מײַן רעבן מוישע־הירשן (אַ ליכטיקן גאַניידן זאָל ער האָבן).

בין איך געוואָרן באַוואָרנט, הייסט עס, פֿון ביידע זײַטן: פֿונעם טויטן מוישע־הירש און דעם לעבעדיקן עליע קאַראַבע־ווטשער, אַכוּץ, פֿאַרשטייט זיך, דעם עמעסן טאַטן אין הימל, וועלכער אִיז געוויס אַ גוטער בעטער פֿאַר אונדז אַלעמען.

דאָך האָט זיך די מאַמע מײַנע איין מאָל אָנגעקלערט, אַז זי וועט מיך מיטנעמען אין דעם שכיינעסדיקן שטעטל סמי־לעוויטש, וווהין זי פֿלעגט פֿאָרן צוליב מיסכער, און ווו ס׳איז שוין געווען אַן עמעסער דאָקטער.

– אַ דאָקטער קאָן דאָך, כאָלילע, נישט שאַטן... – האָט זיך די מאַמע ווי פֿאַרענטפֿערט פֿאַר די שכיינעס אונדזערע. אָבער דער סמילעוויטשער דאָקטער איז געווען, קאָנטיק, אַ סוי־נע יִיסראָעל. האָט ער אָנגעשראָקן אַ יִידישע אַלמאָנע, אַז דער מִיזיניק אירער וועט סײַ־ווי־סײַ לאַנג נישט לעבן, ס׳איז דע־ריבער אַ שאָד די רעפֿועס מיט די היילעכצן. האָט די מאַמע נעבעך שטאַרק געוויינט, פֿאָרנדיק אויף צוריק אַהיים, שטיקנ־דיק אין זיך די טרערן. זי איז געווען זיכער, די מאַמע, אַז כ׳האָב נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס דער דאָקטער האָט געזאָגט. ער האָט דאָך גערעדט צו איר שטרענג רוסיש.

האָב איך דער מאַמען געטרייסט אויף אַזאַ מין אויפֿן:

– זײַ רויִק, מאַמעלע, קאָלזמאַן איך בין נאָך נישט געווען אין בערעזין, און קאָלזמאַן איך האָב נאָך נישט כאַסענע געהאַט– וועל איך נישט שטאַרבן. גיכער וועט דער דאָקטער שטאַרבן! אָט וועסטו זען!

די מאַמע האָט זיך שוין דענסטמאָל פֿונאַנדערגעוויינט אויפֿן קאָל.

די געלע וואַטקע

דאָס שטעטעלע בערעזין (מײַן טאַטנס געבורטסאָרט) האָט געהאַט פֿאַר מיר אַ גרויסע צוציִונגס־קראַפֿט צוליב אַ סאַך טעמים. ערשטנס האָב איך געוווּסט, אַז אין יענעם שטעטעלע ווױנען צוויי פֿעטערס מײַנע (דעם טאַטנס ברידער) אין אַ הויז, וואָס דער זיידע מײַנער האָט זיי איבערגעלאָזט בעירושה. אויב אַזוי האָב איך דאָך עפּעס אויך אַ כיילעק אין אָט דער ירושה־שטוב, ווײַל אַ דריטל האָט דאָך געהערט אויך צו מײַן טאַטן, און ווי באַלד מײַן טאַטע איז געשטאָרבן — איז אָט די ירושה אַריבערגעגאַנגען צו אונדז ייִנגלעך. האָב איך אויסגעכעשבנט, אַז איך פֿאַרמאָג אייגנטלעך אַ פֿינפֿטל פֿון אַ דריטל און ווען איך ווייס, וויפֿל בערווינעס ס'פֿאַרמאָגן די פֿיר ווענט און וויפֿל שינדלען דער דאַך — וואָלט איך זיכער געקענט אויסכעשבענען, וויפֿל בערווינעס און שינדלען עס געהערן אויך צו מיר — דעם מיזיניק. צוליב דעם טאַקע האָב איך נאָך נייטיק געמוזט זײַן אין בערעזין.

אַכוץ דעם איז איינער אַ פֿעטער מײַנער נאָך אַ באָכער און ער האָט כיישעק, ווי כ'האָב געהערט, צו כאַסענע האָבן מיט מײַן איינציקער שוועסטער — זיי זאָלן בײדע נישט פֿאַרפֿרעמדט ווערן, — האָב איך בײַ זיך פֿעסט באַשלאָסן זיי אָפּצושענקען מײַן כיילעק ירושה אין נאַדן אַרײַן און זאָלן זיי לעבן אַ טאָג.

צוליב דעם, עפּשער, איז בײַ מיר בערעזין געוואָרן שטאַרק פֿאַרבונדן מיט כאַסענע האָבן...

אַכוץ דעם האָבן שוין אַ פּאָר עלטערע ברידער מײַנע געלערנט אין בערעזין בײַ איטשע דעם ראָש־יעשיווע, און דער איקער — געגעסן טעג...

מײַן קינדערשער סייכל האָט נאָך נישט גאַנץ באַנומען, וואָס הייסט עס „עסן טעג״. ס'האָט מיך אַלץ געצויגן אין בערעזין אַ קוק צו טון, ווי די ברידער מאַכן דאָס. אָבער די מאַמע האָט מיך באַרויִקט, אַז ס'איז באָרך־האַשעם נישטאָ וואָס צו זען, מען עסט, מ'שטיינס געזאָגט, בײַ פֿרעמדע טישן. שפּעטער אַ ביסל האָב איך טאַקע אַליין פֿאַרזוכט דעם טאַם פֿון עסן בײַ פֿרעמדע טישן.

דאָס האָט די מאַמע פֿאַרטראַכט אַ ווײַטע נעסיִע אַזש קיין קיִעוו, ווו ס'האָט געוווינט עפּעס אַ שטיקל קאָרעוו אונדזערער —

שיק, זייער אַ רײַכער. אַ סוואָרע, אַז ער וועט אויסהעלפן דער מאַמען מיט אַ ביסל געלט אויף נאַדן און אויסשטײַער פאַר מײַן שוועסטער, וואָס גייט כאַסענע האָבן מיטן פעטער.

פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט מיטגענומען דעם שלימאַזל אירן, ווײַל די קיִעווער פּראָפעסאָרן, זאָגט מען, ווײַזן וווּנדער.

האָבן מיר, געדענק איך, דורכגעמאַכט אַ לאַנגע און שווערע נעסיִע אויף פורן און פאַראַכאָדן, דורך באָבּרויסק, האָמליע ביז סאַמע קיִעוו. אומעטום האָבן אונדז די קרויווים זייער גוט באַגעגנט, מיר האָבן געגעסן פון פרעמדע טישן (און ס'איז גאָרנישט אַזוי שלעכט, לאָזט זיך אויס), מיר זענען געשלאָפן אין פרעמדע בעטן און אַרומגעבלאָנקעט איבער פרעמדע גאַסן. כ'האָב דענסטמאָל דערזען, אַז אויסער דוקאָר, סמילעוויטש און בערעזין פאַרמאָגט נאָך די וועלט אויך אַנדערע שטעט און שטעטלעך, איבערהויפּט אַ טײַך אַזאַ דניעפּר, וואָס איז עפּשער צען מאָל ברייטער פאַר אונדזער טײַכל סוויסלאָטש און פאַרמאָגט אַזויפיל פּליטן, בערלינעס און פאַראַכאָדן (דאַמפּערס).

קיִעוו אַליין איז, אַפּאָנעם, די גרעסטע שטאָט אויף דער וועלט, אַז נישט — צו וואָס דאַרף זי האָבן אַזויפיל קלויסטערס מיט באַגילדעטע שפּיצן און אַזוי פיל קראָמען ?

אַ שאָד נאָר, וואָס איך האָב נישט געקאָנט באַטראַכטן דענסטמאָל די גאַנצע שטאָט, ווײַל אויף מאָרגן שוין האָט מען אונדז אָוועקגעפירט עפּעס אין אַזאַ מין שטעטל סלאָבאָדקע, וואָס אויף יענער זײַט דניעפּר. אין קיִעוו גופא, לאָזט זיך אויס, טאָרן יִידן נישט שלאָפן...

דאָך אָבער זענען מיר אַ פּאָר מאָל געווען אין דער געווירישער דירע פון אונדזער קאָרעוו שיק אויף קרעשטשאַטיק, און איין מאָל אויך בײַ אַ באַרימטן פּראָפעסאָר, וועלכער האָט מיך אויסגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס און בײַ אַ האַלבער שאָ אַוואַדע, האָט ער געשאָקלט איבער מיר מיט זײַן לאַנגער גראָער באָרד און געשוויגן.

וואָס די מאַמע מײַנע האָט געפּויעלט בײַ דעם רײַכן קאָרעוו פאַר דער טאָכטער אירער — ווייס איך נישט. אָבער דאָס, וואָס זי האָט אויסגעפּויעלט בײַ דעם באַרימטן פּראָפעסאָר פאַר מיר, געדענק איך גאַנץ גוט: ס'איז געווען אַזאַ מין געלע וואַט-

קעלע, וואָס אַז מען שטעקט זי אַרײַן אין נאָז — הערט אויף דאָס בלוט צו גיין.

בײַ מיר פלעגט דענסטמאָל זייער אָפט רינען בלוט פון נאָז.

די גרויסע גענייווע

איין מאָל, אין אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן, האָט זיך די מאַמע געקליבן אין שטאָל אַרײַן אויסמעלקן די בעהיימע, אָבער די פירהויזטיר איז געווען פאַרשפאַרט פון דרויסן, און די מאַמע קען בעשום אויפן נישט אַרויס. האָט זי זיך מיט דער דאָנעטשע אין האַנט געלאָזט צו דער גאַסטיר, נישט פאַרשטייענדיק, ווער אַן ערעך האָט עס געקענט צוקלאַפּן די הינטערשטע טיר פון דרויסן. ווי גרויס איז געוואָרן דער מאַמעס שרעק, ווען אויך די גאַסטיר האָט זיך בעשום אויפן נישט געוואָלט עפענען, ווי זי וואָלט איבער אַ נאַכט געווען צוגעפרוירן צו די אושאַקעס. האָט די מאַמע גענומען קלאַפּן פון פראָסט באַקווייטלטן פענצטער צו די פרימאָרגיקע פאַרבײַגייער — זיי זאָלן העלפן פון דרויסן עפענען די טיר. לאָזט זיך אויס, אַז די ביידע טירן פון אונדזער הויז זענען געווען פאַרלייגט מיט פלעקער — מען זאָל זיי בעשום אויפן נישט קענען פון אינעווייניק עפענען. עס איז געוואָרן קלאָר, אַז ס'איז אַ גענייוויש שטיקל אַרבעט און, ווי נאָר די מאַמע האָט געהאַט געכאַפּט אַ קוק צום שפּײַכלער, ווו ס'איז געלעגן אונדזער ביסל סכוירע, איז איר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. דער שפּײַכלער איז געווען פּוסט, ווי מען וואָלט אים אָקערשט געהאַט אויסגעקערט מיט אַ בעזעם.

די גאַנאָווים האָבן אין מעשעך פון דער לאַנגער ווינטערדיקער נאַכט באַוויזן אַרויסצוקלאַפּן פון פאָדמור אַ הונדערט־פּודיקן שטיין און דורך דער געוואָרענער לאָך האָבן זיי זיך אַרײַנגעקליבן פריִער אין פירהויז און נאָך דעם — אין שפּײַכלער. פון וואַנען זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט ביז דעם לעצטן שטיקל לעדער.

איז געוואָרן, פאַרשטייט זיך, אַ מעהומע איבערן גאַנצן שטעטל. אַ קלייניקייט עפּעס — בראָכקע די אַלמאָנע באַגאַנוועט! אַ גאַנצן טאָג האָט זיך אַרום אונדזער שטוב אַרומגעדרייט דאָס גאַנצע שטעטל, באַוואונדערנדיק די גוורע פון די גאַנאָווים, וואָס

האָבן געקאָנט אַזאַ מין שטיין אַרויסקאַלופּען פונעם פּאַדמור אַרויס און מען זאָל גאָרנישט הערן.

— נישט אַנדערש, ווי זיי האָבן אָנגעוואָרפן אַ שלאָף אויף איַך! — האָט איינער, אַ זשוואַוו יידל וואָס ווייס אַלץ, אַריַנגעטיַנעט אין אונדז.

— ס׳איז שוין דאָ ביַ זיי אַזאַ מין פּראַשעק, וואָס אַז זיי שיטן אים אַרויף אויף אַ פענצטער, קאָן מען פון אים איַנשלאָפן, ווי פון אַ שלאָפטרונק. — האָט דער יידל נאָך אַלץ געטיַינעט צו דער מאַמען מיַנער, ווי ער וואָלט זי דערמיט וועלן טרייסטן. אַ צווייטער ייד, יויעל דער שוסטער, אַ גרויסער גוטער פריַינד אונדזערער און נאָך אַ גרעסערער הוסטער, האָט געהאַלטן אין איין אויסמעסטן די שפּורן פון די גענייווישע טריט, וואָס זענען פאַרבליבן אויפן שניי. ער האָט באַשלאָסן, אַז ס׳איז יאַקובקע דעם שמידס אַרבעט.

— נאָר יאַקובקע דער שמיד האָט אַזעלכע שטיוואַלעס, ווי די דאָזיקע! — האָט יויעל דער שוסטער פּרובירט די מאַמע צו באַרויִקן, — מען דאַרף אָקערשט זוכן ביַ יאַקובקען...

דער אוריאַדניק אַליין האָט זיך ברייטלעך געהאַט פונאַנדערגעלייגט מיט זיַנע פּאַפּירן אויפן טיש און געהאַלטן אין איין שריַבן דעם פּראָטאָקאָל. עפּעס האָט זיך אונדז אַלעמען געדוכט, אַז ווען דער אוריאַדניק וועט שוין האָבן אָנגעשריבן דעם גאַנצן פּראָטאָקאָל, וועלן אַלע געהאָלפן ווערן. ער האָט דאָס געטאָן אַזוי ערנסט און מיט אַזוי פיל געלאַסנקייט, פּונקט ווי די גאַנצע גענייווע וואָלט געמאַכט געוואָרן צוליב דעם, קעדיי ער, דער אוריאַדניק, זאָל האָבן נאָך דעם וואָס צו שריַבן, וואָס צו כאַסמענען, וואָס צו זוכן און אַזוי אַרום פאַרטריַבן פון זיך און פון שטעטל דעם ווינטערדיקן אומעט.

אַפילע מיר אַליין, געדענק איך, איז אין יענעם טאָג אויך געווען זייער פריילעך. איך האָב זיך עפּעס געפילט מיַסעהעלד. איך האָב האַנאָע, וואָס דער אוראַדניק אַליין זיצט אַזוי ברייטלעך אין שטוב ביַ אונדז, און איך קאָן גאַנץ גענוי באַטראַכטן די עפּאַלעטן זיַנע, די שווערד און איבערהויפּט די צוויי לאַנגע שפּיציקע וואָנצעס זיַנע, וואָס האָבן געהאַט אויסגעזען אויף זיין

קײַלעכדיקן פּנים, װי צװײ װײַזערס אויף אַ זײגער, װען ס׳איז דרײַ פערטל דרײַ.

אָבער װי נאָר כ׳פלעג זיך אָפּדרײען פון דעם אוריאַדניק צו דער מאַמען — פלעגט מיר װידער װערן פינצטער אין די אויגן און ס׳פלעגט זיך מיר פאַרגלוסטן װײנען.

— װאָס װעל איך איצטער טון מיט אײַך, יעסוימימלעך מײַנע? — האָט די מאַמע אַרײַנגעטײַנעט אין אונדז, קינדער. קײ־נער פון אונדז האָט איר נישט געקענט ענטפערן אויף דער דאָ־זיקער פראַגע... דער קאָפּ מײַנער אויף מוישע בערלס, האָלעמײַ ער האָט געהאַט געעפּנט פונקט אַזאַ קרעמל, װי דער מאַמעס און געמאַכט איר קאָנקורענץ, איז בײַ מיר געװאָרן נאָך שטאַרקער. עס װאָלט מיך דעמאָלט אַ האָר נישט געאַרט, װען מען גאַנװעט אַװעק אויך זײַן קראָם, ער זאָל נישט קאָנען מער האַנדלען, אָט װי די מאַמע מײַנע!

און די בעהײמע, געדענק איך, האָט פון שטאָל אַרויס נישט אויפגעהערט אַ גאַנצן טאָג צו מו־ו־קען, װי זי װאָלט מיטגעפילט דעם גרויסן צאַר אונדזערן.

זי איז נעבעך געבליבן דעם גאַנצן מעסלעס נישט קײן געמאָלקענע...

אָשער דער מעלאַמעד

נאָך דער גרויסער געניװע האָבן שוין אויך די אַנדערע צװײ ברידער מײַנע, שמועל און באָרעך, געמוזט נעבעך פאַרלאָזן די הײם און אַװעקפאָרן ערגעץ עסן טעג.

ס׳האָט זיך געשטעלט די פראַגע, צי מ׳זאָל זײ אַװעקשיקן אויך קײן בערעזין, װו די גאָר עלטערע צװײ ברידער זענען גע־װען, אָדער אין מינסק, װו מיר האָבן אויך געהאַט גאַנץ רײַכע קרויװים, איבערהויפּט די קאַבאַקאָװס, װאָס האָבן געשעמט אויפן גאַנצן קאָנט מיט זײערע װאַלדגעשעפטן.

אָשער דער מעלאַמעד האָט צוגערעדט די מאַמע, זי זאָל די אַנדערע צװײ קינדער אירע, מוליען און באָניען, אַװעק־שיקן בעסער אין מינסק, אין דער באַרימטער געזעלנשול, װײַל פון די דאָזיקע צװײ קינדער, האָט אָשער מעלאַמעד געטײַנעט, װעט זי, מירצעשעם, דערלעבן נאַכעס.

בכלל איז אָשער מעלאַמעד געווען דער צווייטער טאַטע אונדזערער. ער האָט גלײַך נאָך דעם טאַטנס טויט איבערגענומען די אַפּוטראָפּסעס איבער וועלוולס יעסוימים. מײַן טאַטע איז דאָך געווען דער בעסטער פרײַנד און כאַווער זײַנער, מיט וועלכן פלעגט ער צוויי מאָל אין יאָר פאָרן צו דעם ליובאַוויטשער הערן טוירע, און נאָך דעם כוויזער זײַן די טוירע פאַרן גאַנצן שטעטל אין די שאַבעסצונאַכטסן בײַם ראָוו אין שטוב, אָדער בײַ מינכע לעמײַרעוו אין שול.

— זײַ רויִק, בראָכקע, דײַנע קינדער זענען מיר פּונקט אַזוי טײַער, ווי די מײַניקע. איך וועל זיי מאַדריך זײַן, ווי ס'דאַרף צו זײַן... — פלעגט ער אָפט טרייסטן די מאַמע מײַנע.

אָשער מעלאַמעד, וואָס האָט געהאַלטן אַ כיידער נאָר פאַר געמאָרע-ייִנגלעך, פלעגט טאַקע אַרײַננעמען צו זיך מײַנע ברידער, נאָך איידער זיי האָבן געווען דורכגעמאַכט די דאַרדעקע מעלאַמדים, אַווראָם-לייב און אַריע-לייב, ווײַל נישקאָשע, בראָכקעס קינדער וועלן שוין אָניאָגן...

סכאַר-לימעד פלעגט אים די מאַמע אויסצאָלן מיט שטיוול און שיך פאַר דער מישפּאָכע זײַנער. אָשער מעלאַמעד אַליין האָט ליב געהאַט שאַגרינענע שטיוועלעך מיט ווייכע כאָליעווקעס — זיי זאָלן זיך קנייטשן פון זיך אַליין. די מאַמע, געדענק איך, פלעגט עקסטראַ פון מינסק אַראָפּברענגען פאַר ר' אָשערן אַזעלכע מינע שטיוועלעך.

כ'האָב זייער ליב געקריגן אָט דעם ר' אָשערן. אויסער דעם, וואָס ער איז געווען דער אַפּוטראָפּעס איבער מײַנע עלטערע ברידער, איז ער גלאַט געווען אַ פריילעך ייִדל.

נאָך מערער, ער איז אַפילע געווען אַ שטיקל קאָרעוו מײַנער, אָבער טאַקע מײַנער אַליין און נישט די ברידערס, ווײַל ר' אָשער איז דאָך געווען אַן איידעם פון עליע קאַראַבעווטשער, צו וועלכן די מאַמע מײַנע האָט מיך געהאַט פאַרקויפט פאַר אַ דרײַערל. האָט מיך שוין נישט געאַרט, וואָס דער נײַער טאַטע מײַנער פאַרנעמט זיך מיט אַ מיִעסער מעלאָכע (אָפּשינדן פּעגירעס), ווי באַלד דער איידעם זײַנער איז אָשער מעלאַמעד.

איבערהויפּט פלעגט מיט אים פריילעך זײַן, מיט ר' אָשערן, ווען ער פלעגט מאַכן אַ לעכאַיִם. אַ לעכאַיִם פלעגט ר' אָשער

מאַכן בײַ יעטװעדער געלעגנהייט. עס קומט צו פּאָרן דער מעשׂה־לעך פון ליובאַװיטש, ר׳ שילעם — דאַרף מען מאַכן אַ לעכאַיִם. פּורים, און װער רעדט נאָך — סימכעס־טוירע האָט דאָך גאָט אַליין געהייסן מאַכן אַ לעכאַיִם, דענסטמאָל פלעגט שוין גאַנץ שטעטל גיין כאַדאָראָם.

סימכעס־טוירע פלעגן אָשער מעלאַמעד מיט זישע דעם שאַמעס גיין פון שטוב צו שטוב מיט גרויסע טאָרבעס אויף די אַקסלען און נישט געפרעגטערהייט פלעגן זיי אַרײַנקריכן אין די אויװנס אַרײַן, אַרויסשלעפן די פעטע קוגעלעך און מיט די טעפּ־לעך צוזאַמען אַרײַנװאַרפן זיי אין די טאָרבעס אַרײַן. נאָך דעם ערשט פלעגן זיי אויפן מיטן מאַרק טיילן זיך מיט קאָל ייִסראָעל, װאָס האָט בעגײַלופנדיק געהאַלטן אין איין זינגען: צוין קאָדאָ־שים מע... מע...

אין די װאָכעדיקע ניכטערע טעג פלעגט אָשער מעלאַמעד האָבן אַ טעװע אַרומצוגיין איבער די גאַסן און רעדן מיט זיך אַליין. דערבײַ פלעגט ער מאַכן זייער טשעקאַװע האַװאַיעס מיט די הענט, װי די מאַכשאָװעס זײַנע װאָלטן אים געשפּרונגען פון די פינגער אַרויס, צו װעלכע ער האָט געהאַלטן אין איין אַרײַנ־טײַנען.

מײַן מאַמע פלעגט זאָגן, אַז פּונקט אַזוי פלעגט אָשער מע־לאַמעד פאַרבערענגען אַ מאָל מיטן טאַטן מײַנעם, נאָר אַזוי װי דער טאַטע מײַנער איז דאָך, אונדז צו לענגערע יאָר, אויף יענער װעלט — רעדט ער שוין, ר׳ אָשער, צו זיך אַליין.

פלעג איך נאָך גרעסערן דרעכערעץ קריגן פאַר אָט דעם ר׳ אָשערן, װאָס האָט נישט אויפגעהערט צו פאַרבערענגען מיטן טאַטן מײַנעם, כאָטש ער איז שוין לאַנג געשטאָרבן. אויך די מאַ־מע מײַנע האָט געהאַט גרויס דרעכערעץ פאַר ר׳ אָשערן. האָט זי טאַקע געפּאָלגט זײַן אייצע אָװעקצושיקן די אַנדערע צװיי קינדער אירע אין מינסק: איינעם אין דער געזעלנשול, און דעם צװייטן — אין דער טאָטערשער שול.

אַגעװ איז מינסק פּאָרט נאָענטער איידער בערעזין, סאַ־כאַקל פינף מײַל. מען קען זיך אָפטער זען און אָפטער צושיקן אַ פּעקעלע, אויב נאָר גאָט װעט העלפן און עס װעט זײַן װאָס צו שיקן...

אַזוי אַרום איז די מאַמע פאַרבליבן מיט דער באַס־יעכידקע, דאָס קאַלע־מיידל און מיטן מיזיניק -- דעם פליאַגע, אָדער געטשקע, ווי די שכיינעס פלעגן מיך רופן.

דער שוועסטערס טנאָים

נאָך דער גרויסער געניייווע איז די מאַמע געוואָרן נאָך אַ גרעסערע קאַבצנטע, ווי געווען. זי האָט זיך געקערעוועט מיט גמילעס־כסאָדימלעך, וואָס זי פלעגט כאַפּן ביי די עטלעכע גוטהאַרציקע יידן פון שטעטל פאַר פּראָצענט און אָן פּראָצענט. דאָך אָבער האָט מיין בערעזינער פעטער זיך נישט אָפּגעזאָגט פון מיין שוועסטער און ער איז איין מאָל אַראָפּגעפאָרן אין דוקאָר, פערזענלעך איבערצוגעבן די האַסקאָמע זיינע אויפן שידעך.

די מאַמע מיינע, געדענק איך, איז געוואָרן זייער צעטומלט פון אָט דעם אומגעריכטן וויזיט. דער פעטער איז גאָר אייגנטלעך געפאָרן קיין מינסק נאָך סכוירע, נאָר אַז מען פאָרט שוין קיין מינסק דורך סמילעוויטש, וואָס ליגט סאַכאַקל צען וויאָרסט פון דוקאָר – האָט ער זיך שוין אַראָפּגעכאַפּט צו אונדז פערזענלעך אָפּרעדן וועגן דער כאַסענע.

האָט די מאַמע מיינע גלייך אַוועקגעשיקט אַ שכיינע אונדזערע צו עלקע אַריע־ייִצכאָקס, די אַריסטאָקראַטקע פון אונדזער שטעטל, און געליִען ביי איר דעם סאַמאָוואַר. אייגנטלעך האָבן מיר אַליין אויך פאַרמאָגט אַ גאַנץ פיינעם סאַמאָוואַר, וואָס פלעגט זייער גיך אויפקאָכן, אָבער ס׳איז שוין געווען, קאָנטיק, אַ מינעג אַזאַ, אַז ווען מ׳זעט זיך מיט אַ כאָסן – דאַרף מען ליִען אַ לייטישן סאַמאָוואַר... אַגעוו האָט פון אונדזערן טאָמיד געקאַפּעט פון קראַן, און ס׳פלעגט אים נישט העלפן אַפילע די גלעלע וואַטקע, וואָס איך פלעג אים שטופן אין נעזל אַריין...

עלקע אַריע־ייִצכאָקס סאַמאָוואַר מיטן אויסגעפּוצטן בייכל, האָט געהאַלטן אין איין בלאָזן פון זיך, ווי ער וואָלט געריייבערט צוויי ליולקעס מיט אַ מאָל... ער האָט טאַקע צוגעגעבן מער גאַדלעס דעם טיש אונדזערן.

איך אַליין האָב זיך אַלץ אַרומגעדרייט צווישן דעם סאַ-מאָוואַר און דעם פעטער און געכאַלעשט עפּעס אַ זאָג צו טון אים. איך האָב דאָך געהאַט אַזאַ גוטע בסורע פאַר דעם פעטער מײַנעם און כ'האָב אַלץ געציטערט, אַז די מאַמע מײַנע זאָל, כאָלילע, נישט פאַרגעסן דאָס אים איבערצוגעבן.

די בסורע מײַנע איז אייגנטלעך באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך שענק אים אָפּ מײַן כיילעק יערושע, וועלכן איך האָב אין דער בערעזינער שטוב. ווו ער ווינט, זאָל ער נישט מיינען כאָלילע, אַז ער קריגט נישט פון אונדז קיין נאַדן. אָבער דעם פעטער מײַנעם האָט, קאָנטיק, גאָרנישט געאַרט וועגן דעם נאַדן. ער האָט געהאַלטן אין איין רייכערן און טראַקטירן מיט פּאַפּי-ראָסן דעם יאָנטעוודיק געשטימטן ר' אָשערן און צאַלע דעם ראָווס, וואָס האָט זיך זייער אינטערעסירט מיט פּאָליטיקע. מײַן פעטער מוניע האָט געהאַלטן אין איין דערציילן פון דעם אַלץ, וואָס ער האָט זיך געהאַט אָנגעהערט אין בערעזין און אין מינסק.

ווען כ'האָב סאָף-קאָל-סאָף דערהערט, אַז די כאַסענע וועט זײַן, מירצעשעם, שאַבעס נאָך שעוועס — איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן.

פון דעם מאָמענט אָן איז די שוועסטער מײַנע, מירל, אויסגעוואַקסן אין מײַנע אויגן. זי האָט שוין אויפגעהערט צו שרײַבן פאַר די דוקאָרער קאַלע-מיידלעך די ליבע-בריוו, ווי זי פלעגט עס טאָן ביז איצטער, ווײַל זינט דער פעטער איז אָפּ-געפאָרן צוריק אין בערעזין, האָט זי שוין אָנגעהויבן שרײַבן אירע אייגענע קאַלע-בריוו.

פון די אַדרעסן אירע, וואָס זי פלעגט אויסצירקלען אויף די בלויע קאָנווערטן, האָב איך זיך דערוווסט, אַז דער זיידע מײַנער האָט געהייסן יעוועליאָוויטש (פונעם וואָרט יויעל), ווײַל דער פעטער מײַנער האָט שטרענג אָנגעזאָגט, אַז מ'זאָל שרײַבן דאַפקע, „סאַמועלו יעוועליאָוויטשו טשאַרנאָמו אוו מעסטיעטשקאָ בערעזינאָ", ווײַל אין בערעזין, לאָזט זיך אויס, זענען פאַראַן נאָך עטלעכע שמועל טשאַרניס. און די בריוו אירע קאָנען כאָלילע אַרײַנפאַלן אין פרעמדע הענט.

האָב איך גענומען ציילן די טעג און וואָכן ביז שאַבעס נאָך

שעוועס (ס'איז ערשט געווען ערעוו פייסעך). איך בין געווען אויפן זיבעטן הימל, וואָס די שוועסטער מײַנע איז טאַקע אַן עמעסע קאַלע, בײַס פראַדע דער מומע כאַיעס, וועלכע איז פון מײַן שוועסטער עלטער מיט אַ פּאָר יאָר, איז נאָך אַ מיידל.

— אַהאַ!

מײַנע מומעס

די מומע כאַיע איז מיר אייגנטלעך געווען אַ מומע דערפאַר, ווײַל זי האָט כאַסענע געהאַט מיט מײַן פעטער פײַטל, דער מאַמעס אַ ברודער. אָבער דער פעטער פײַטל איז אין עטלעכע יאָר נאָך דער כאַסענע געוואָרן אַ מין פּאָרוש. ער האָט זיך פאַרשטעקט אין איינעם פון די הינטערשטע צימערלעך, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אין אַ ווילד פאַרוואַקסענעם גאָרטן, און זיך אָפּגעשיידט פון ווײַב און קינד, פון קראָם און שול, און בעמיילע אויך — פון גאַנצן שטעטל. האָט אים ס'שטעטל אַ נאָמען געגעבן „פײַטל דער מאַלעך". קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס אַן ערעך מײַן פעטער פײַטל טוט גאַנצע טעג אייבינקער אַליין אין דעם האַלב טונקעלן צימער.

דאָך אָבער האָט ער אין די ערשטע יאָרן נאָך דער כאַסענע באַוויזן צו באַשענקען זײַן ווײַב מיט דרײַ קינדער, אַ באָכער און צוויי טעכטער, וואָס איינע פון זיי איז געווען ביז גאָר אַ געראָטענע, און די אַנדערע — ביז גאָר אַ טאַמעוואַטע, צווישן אונדז גערעדט אַ צעדרייטע.

אַז מ'פלעגט זי בעטן אָנשרײַבן אַ ציפער 9, פלעגט זי אָנהייבן פון 1, 2, 3, ביז זי פלעגט דערגיין צום 9, אָבער אָנשרײַבן דעם ציפער 9 לעכאַטכילע איז זי נעבעך נישט געווען בעקויעך. די מומע כאַיע איז דאַווקע געווען שטאָלץ סײַ אויף איר מאַן, סײַ אויף איר צעדרייטער טאָכטער, ווײַל גאָטס וואָרט פלעגט טריפן פון זייערע ליפּן — אַזוי פלעגט טײַנען די מומע כאַיע, וואָס איז געווען זייער פרום, אָבערגלויביש און פלעגט אַכטונג געבן, עס זאָלן נישט זײַן קיין כאַטאָים אין שטעטל, פון וואָס קליינע קינדער שטאַרבן.

מײַן אַנדערע מומע, די מומע איטקע, אַ לײַבלעכע שוועס־טער פון מײַן מאַמען, האָט געוווינט אין טײַכגאַס, מיטן פע־טער שאַיע גרונטפעסט, אַ ייִד אַ מאַסקיל און צײַטנווײַז אַפילע אַן אַפּיקוירעס. ער פלעגט טאָמיד רעדן פון וועלטלע־כע איניאַנים און דערבײַ מעיושעוודיק גלעטן זײַן ברייטע, לאַנגע און שוין גרויע באָרד. מײַן מומע איטקע האָט פאַר־מאָגט דרײַ זין און פיר טעכטער, אָבער די מיזינקע, ראָכל, האָט געקרענקט אויף געלזוכט. אַ סוואָרע, אַז זי האָט געהאַט אַ גרויסע מילץ. פלעגט מען זי האַלטן אין איין ראַטעווען. מיך אָבער האָט געצויגן צו דער מומע איטקען, ווײַל אין שטוב בײַ זיי איז געווען זינגערס אַ פּוסמאַשין, די איינצי־קע פּוסמאַשין אין גאַנץ דוקאָר (אויסער, נאַטירלעך, וואָס בײַם שנײַדער). איך האָב מיך זייער פאַראינטערעסירט מיט די טשע־קאַווע רעדלעך און שרײַפּלעך. ס׳איז מיר אָבער נישט באַשערט געווען צו דערגרונטעווען זיך ביזן סאָף אין דעם סייכל פון אָט דער מאַשין, ווײַל פּלוצים גאָר איז די גאַנצע מישפּאָכע גרונטפעסט אַרויסגעפאָרן קיין מינסק, ווו מײַן פעטער שאַיע איז געוואָרן אַ שטאָט־סאָרסער.

איז מיר נאָך אין דוקאָר פאַרבליבן די דריטע מומע — די מומע טויבע, וואָס האָט געוווינט אין אַ האַלב פּריצישער שטוב אין דער סאָדגאַס מיט אירע פיר דערוואַקסענע זין. די מומע טויבע אַליין איז געווען אַ געלערנטע און אַ באַר־דאַאַס. זי פלעגט שיטן מיט פּסוקים און ווערטלעך, ווי מיט אַרבעס און באָב פּרײַטיק נאָך וועטשערע.

דער מאַן אירער, כאַיִם קרוטאָפּיי (אַ צונעמעניש, ווײַל ער האָט טאָמיד געהאַלטן אין איין אײַנדרייען די פייעס אויף אינעווייניק, זיי זאָלן זיך נישט אַרומבאַמבלען גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן), איז געווען אַ וואַלדמענטש. ער האָט קאָל יאָמאָוו געמאַסטן און געשאַצט די וועלדער פון די מינסקער סאָכרים קאַבאַקאָווס. ער פלעגט קומען קיין דוקאָר נאָר אויף די גרויסע יאָנטויווים.

פלעגט די מומע טויבע לעבן אויף אַלעם פאַרטיקן און אויסטראַכטן קאָלערליי טשעקאַווע מײַכאָלים, וואָס נאָר אין די גרויסע שטעט עסט מען זיי. די מומע טויבע האָט, אַגעוו,

געהאַט אַ שוואַכקייט צו געזאַלצנס. פאַר יעדן מיטאָג פלעגט זי אויפעסן אַ געזאַלצענעם הערינג און דערבײַ זיך אַ ווערטל טון:

— דאָס שיק איך אַ דעלעגאַט אין מאָגן, אים פרעגן, וואָס וויל ער נאָך.

איין כיסאָרן האָט די מומע טויבע געהאַט, זי איז געווען נעבעך נישט גאָר קיין שיינע. די מאַמע מײַנע האָט מיר דערציילט, אַז ווען ס׳פלעגן קומען מעכותאָנים זען זיך מיט איר, פלעגט מען די מאַמע מײַנע פאַרשטעקן אין אַ הינטערשטן כיידער — כאָסנס צאַד זאָל זי נישט דערזען. אזאַ שיינע איז זי געווען, די מאַמע מײַנע!

די שאַבעסצונאַכטסן פלעג איך שוין פאַרברענגען בײַ דעם ראָוו מוישע טשאַרני, וואָס איז מיר געווען אַן עלטערפעטער. דער ראָוו האָט מיך געהיט, ווי אַן אויג אין קאָפּ. אין אָט דעם ראָווס מישפּאָכע האָב איך זיך געפילט היימישער, ווי בײַ אַלע מומעס מײַנע. ס׳איז געווען אַ פולע שטוב מיט יונגוואַרג, וואָס האָט געשטיפט און געלאַכט. אָבער שאַבעס, ביין מינכע לעמײַרעוו, פלעגן זיך צום ראָוו אין שטוב פאַרזאַמלען אַ פאָר מיניאָנים יידן, הערן טוירע. נישט נאָר טוירע אַליין, נאָר אויך ניגונים. דעם „ליובאַוויטשערס” ניגונים פלעגן געזונגען ווערן מיט אַזאַ ברען און היסלײַוועס, אַז אַפילע מיר, ייִנגלעך און מיידלעך, פלעגן פאַרציטערט ווערן.

אייניקע ניגונים האָבן זיך נאָך אַד־האַיעם אײַנגעקריצט אין מײַן נעשאָמע. אַ שאַד, וואָס איך קאָן זיי דאָ נישט איבערזינגען.

אין די דאָזיקע שאַבעסצונאַכטסן, פלעגט זיך מיר דאַכטן, נידערט אַראָפּ מײַן טאַטנס נעשאָמע צו אָט דעם פאַרטונקלטן, ראַבאָנישן כיידער, און ער זינגט מיט מיט אַלע אַנדערע כסידים, געוועזענע כאַוויירים זײַנע. ס׳פלעגט מיר ווערן, געדענק איך, זייער סומנע, ווען כ׳פלעג דאַרפן מיט דער מאַמען נאָך האַוודאָלע אומקערן זיך אַהיים דורך דעם צמענטאַר, וואָס איז געלעגן אין סאַמע מיטן שטעטל. אויף דעם דאָזיקן צמענטאַר זענען נאָך געשטאַנען עטלעכע מ־ט מאָך באַוואַקסענע שטיינער, וואָס קיינער האָט שוין בעשום אויפן נישט געקאָנט

אויסלייענען פון זיי, ווער אן ערעך ס'איז דאָ אַ מאָל באַגראָבן געוואָרן. ס'איז אַ סוואָרע, אַז יעדע צוועלף בײַנאַכט קלײַבן זיך צונויף אַלע מייסים פון דעם צמענטאַר אין דער דערבײַיקער שקאָלע אַרײַן (די זעמסקע שול) און זיי טרײַבן דאָרט קאַטאָוועס. נישט איין דוקאָרער ייִד האָט שוין געמערקט, ווי פונקט צוועלף אַ זייגער ווערט דאָרטן ליכטיק ווי אויף אַ באַל. ווײַבערשע פאַרשוינען הייבן אָן ווינקען פון די פענצטער אַרויס צו יעדן פאַרבײַגייער. איך פלעג טאָמיד צומאַכן די אויגן, ווען כ'פלעג מיט דער מאַמען אין אַזאַ מין שאַבעסצונאַכטס דורכגיין דעם צמענטאַר.

שפעטער אַ ביסל האָב איך זיך שוין נישט מער געוווּנדערט, האַלעמײַ בענטשע-מאָטע-בערעזשאַנקערס, אַ באָכערל פון אַ יאָר אַכצן, שמירט אויס מיט דשזעגעכץ זײַנע נײַע קאַלאָשן – דער גלאַנץ זאָל אים נישט האַקן אין פּאָנעם אַרײַן. ער ווינט פונקט אַנטקעגן דעם צמענטאַר. אַ סוואָרע, אַז עפּעס אַ מעס האָט אים איין מאָל שפּעט בײַנאַכט אַ ווונק געטון פון שקאָלע, איז ער געוואָרן, בענטשע, אַ מאָרעשכוירעניק אויף אייביקע יאָרן.

דער שוועסטערס כאַסענע

מײַן שוועסטערס כאַסענע איז געווען ביז גאָר אַ געהויבענע. גאַנץ דוקאָר איז געגאַנגען כאָדאָראָם. מײַן פעטער, און צו דער זעלביקער צײַט מײַן צוקונפטיקער שוואָגער, האָט זיך קענטיק, באַנוגנט מיטן כײַלעק יערושע, וואָס איך האָב אָפּגעשענקט מײַן שוועסטער אין נאַדן. ער האָט מער קיין קאָפּיקע געלט נישט גענומען. פאַרקערט, ער האָט נאָך אַליין אָנגעבראַכט מאַטאָנעס אין שטוב אַרײַן. אויפן טיש האָט ער אויסגעשטעלט צוויי מייעס פּאַפּיראָסן – זאָל דער אוילעם רייכערן.

איך אַליין האָב נאָך נישט גערייכערט, דאָך האָב איך צוגעצויגן עטלעכע פּאַפּיראָסן אויף צו באַרימען זיך אין כיידער און נאָך דעם זיי אָפּגעשענקט דעם רעבן.

צו דער כאַסענע זענען, פאַרשטייט זיך, אָנגעפאָרן אַלע מײַנע ברידער פון בערעזין און פון מינסק און אפילע דער

פעטער פײַטל אָדער „פײַטל דער מאַלעך", אַליין וואָס איז שוין צוואַנציק יאָר נישט געווען אַרויס פון הויז, האָט באַוויזן אַרויסצושפּאַצירן מיט זײַנע געשוואָלענע פיס צום שולהויף און זײַן בײַ דער כופּע.

אָשער מעלאַמעד און זושע דער שאַמעס האָבן דעם פעטער פײַטלס דערשײַנונג אויסגעטײַטשט פאַר אַ גוטן סימען. אויף דעם סמאַך האָט בײַ דער כופּע־וועטשערע אָשער מעלאַמעד אָנגעשמירט גאַנץ דיק אַ לוסטע כאַלע מיט זענעפּט, מײנענדיק, אַז ס'איז האָניק. זושע דער שאַמעס האָט אים אונטערגעטראָגן צו פאַרטרינקען אַ זיסע גלאָז טיי, וועלכע ר'האָט אויסגעמישט דאַווקע מיט אַן עק פון אַ הערינג...

שאַבעס־צונאַכטס (ס'איז געווען שאַבעס נאָך שעוועס) האָט האַלב שטעטל באַגלייט אַ שווער באַלאָדענע פור צום בערעזינער טראַקט - דאָס האָט מײַן פעטער צוגענומען מײַן שוועסטער צו זיך אַהיים.

אין יענעם שאַבעס־צונאַכטס האָט זיך די מאַמע מײַנע, געדענק איך, אַרײַנגעוואָרפן צו מיר אין בעט אַרײַן, און מיט געזאַלצענער פליסיקייט באַטרערט מײַן פאַרסקראָפּלטע לײַב. דערפאַר האָב איך איר באַפּוצט מיט רויטע פלעקן אַ האַלב העמד און אַ גאַנצע ציכל. — ס'איז מיר גראַד דענסטמאָל געווען אויסגעגאַנגען די געלע וואַטקע פון קיִעוו...

דער אויצער

בין איך פאַרבליבן, הייסט עס, מיט דער מאַמען איינס אויף איינס. איך פלעג זיך טאָמיד האַלטן בײַ איר פאַרטעך און טון מיט איר אַלע ווײַבערשע מעלאָכעס: אָפּרוימען די שטוב, וואַשן די געפעס, וועלגערן אַ בלאַט לאָקשן, און אויסשלאָגן אַ שטיקל פוטער פון דער צונויפגעקליבעגער סמעטענע.

איך פלעג דער מאַמען אויך העלפן אין געשעפט: אַראָפּשנײַדן די אויערלעך פון די אָסאָסקעס (קעלבערנע פעלעכלעך) אָנשפּאַלטן שפּענדלעך, אויף אַרײַנצושטעקן זיי אין די פעלעכלעך אַרײַן — זיי זאָלן זיך בעסער טריקענען, איך פלעג אויך פאַרקויפן אַ שוסטער אַ פאָר פאָדנאָסקעס, אָדער אַ פּעקל היל־

צערנע טשוועקעלעך, ווען די מאַמע פּלעגט אין שטוב נישט זײַן. זייער אָפט פּלעגט דער מאַמען אויסקומען אַרומלויפן איבערן שטעטל נאָך גמילעס־כאַסאָדים. זינט ס׳איז געווען די גרויסע געווייזע, האָט די מאַמע געהאַלטן אין איין אַרומלויפן זוכן עטלעכע רובל אויף אויסצוקערעווען זיך.

עמעס, די געניייווע האָט מען שפּעטער אַ ביסל אָפּגעזווכט אין אַ שכיינעסדיקן דאָרף בײַ אַ פּויער סאַלקע, אָבער דעם פּויער גופע האָט מען גישט געקאָנט פּאַקן. האָט מען די אָפּגעזווכטע געניייווע פּאַרפּאַקט אין צוויי זעק און אָפּגעלייגט אין קאַנצעלאַריע, ביז ס׳וועט קומען דער פּריסטאַוו, און מען וועט פעסטשטעלן, צי ס׳איז טאַקע דער מאַמעס סכוירע. אָבער אין דער זעלביקער נאַכט האָט מען די סכוירע ווידער אַ מאָל אַרויסגעגאַנעווט שוין פון אוריאַדניקס קאַנצעלאַריע גופע. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט דער אוריאַדניק אונדזערער באַקומען אַ בריוועלע פון סאַלקע דעם גאַנעוו, אַז ער איז שוין אויף יענער זײַט גרענעץ און אַז ער שטעלט אַרויס אַ גרויסע פּײַג נישט נאָר דעם אוריאַדניק אַליין, נאָר אויך דעם פּריסטאַוו און דעם סליעדאָוואַטעל, און נאָך און נאָך אַלע העכערע און העכערע. אַז מען האָט שוין נישט געטאָרט זייער נאָמען דערמאָנען. איז שוין די מאַמע געווען צופרידן, וואָס מען האָט זי צו רו געלאָזט מיט דער געווייזע...

אָבער דער דאָלעס איז געוואָרן נאָך גרעסער. די איינציקע האָפענונג דער מאַמעס פּלעגט זײַן אויף דעם יאַריד, וואָס קומט פאַר יעדן כוידעש אין דווזשיק — אַ דאָרף, דרײַ מײַל פון דוקאָר. ערעוו אָט דעם יאַריד פּלעגט די מאַמע אַרומלויפן ווי אַ פאַרסאַמטע פון שטוב צו שטוב נאָך גמילעס־כאַסאָדים אויף אויפצוקויפן אַ ביסל סכוירע.

אַפילע יוינע דער קויהען, דער גרעסטער גוויר און דער גרעסטער קאַמצן אין שטעטל, פלעגט דער מאַמען לײַען אַ גאָלדענע פינפרובלדיקע אויף אַ גאַנצער וואָך אָן קיין שום פּראָצענט. ער פלעגט אָבער האָבן, אָט דער יוינע, אַ מיִעסע טעווע, שוין אויף מאָרגן נאָך דעם, ווי ער האָט איר געהאַט געליִען די פינפרובלדיקע אויף אַ גאַנצער וואָך, אויסשרײַען אויפן מיטן מאַרק צו דער מאַמען בעזע האַלאָשן:

— וואָס, בראָכע, דו רעכנסט טאַקע מיר די פינפרובלדיקע נישט אוועקצוגעבן?

— גאָט איז מיט אײַך, ר׳ יוינע, איר האָט זי מיר דאָך ערשט נעכטן געליִען... — פלעגט די מאַמע בלײַבן שטיין ווי אַ באַגראָבענע אין מיטן מאַרק...

— אַבי כ׳האָב געמיינט, ס׳איז שוין אַ וואָך! — פלעגט יוינע אויסגראַגערן אויף זײַן פויערישער שטים. פלעגט די מאַמע נעבעך וויינען אין שטוב אויף איר ביטערן מאַזל.

דערפאַר אָבער, אַז די מאַמע פלעגט זיך יעדן פערטן זונטיק פון כוידעש אומקערן פון דוזשיצער יאַריד — פלעגט זי אַרונטערנעמען די לעדערנע בײַטל, וואָס איז געווען אָנגעבונדן צו דער טאַליע און מיר אַ זאָג טון:

— נאַ, דאָניעלע, צייל צו!...—זי אַליין פלעגט אויספאַקן דאָס ביסל איבערגעבליבענע סכוירע אין די שופלאָדן אַרײַן, דעם שפײַכלער פלעגט זי שוין מער נישט פאַרטרויען, ווײַל די לאָך אינעם פאָרמור איז נאָך אַד האַיעם געשטאַנען אָפן, און נאָך אַלץ געוואָרט. מען זאָל זי ווידער פאַרשטאָפן מיט דעם אויסגעקאַלופעטן שטיין, וואָס האָט זיך געוואַלגערט דערבײַ.

שפּעטער אַ ביסל, ווען מיר בײדע פלעגן שוין זיצן בײַ אַ גלעזל טיי, פלעגט די מאַמע צעלייגן די איבערגעציילטע געלט אין קופּקעלעך, און אָנזאָגן זיי צו וועמען זיי געהערן...

— דאָס מוז איך אָפּגעבן יוינע דעם קויהען, דאָס מוז איך אָפּגעבן מוישע הערשל דעם בעקער, און דאָס — זאָלמען זעם פּאַקטער. פאַר זיך אַליין פלעגט שוין ווידער נישט בלײַבן קיין איינציקער גראָשן אין קעשענע, אָבער ס׳האָט מיך אַ האָר נישט געאַרט, ווײַל כ׳האָב געוווּסט אַ סאָד אַזאַ, וואָס אָפילע די מאַמע אַליין האָט אים, דוכט מיר, נישט געוווּסט, און נעמלעך – כ׳האָב פאַרמאָגט אַן אויצער.

כ׳פלעג יעדן פערטן זונטיק פון כוידעש אַראָפּגאַנוועגען פון דער מאַמעס קאַסע אַ זילבערנעם צענערל (פינף קאָפּיקעס) און אים פאַרשטעקן אין דער מאַמעס צירונג. אַזוי אַרום האָב איך אָנגעקליבן גאַנצע צוואָנציק צענערלעך אַזעלכע, וואָס האָבן באַטראָפן אַלע צוזאַמען אַ גאַנצן רובל. איך האָב אויסגערעכנט, אַז ביז באַרמיצווע קאָן איך אַזוי אַרום צונויפקלײַבן עטלעכע

רובל. דעמאָלט טראָג איך זיי אונטער דער מאַמען — זי זאָל מער נישט דאַרפֿן לויפֿן צו יוינע דעם קויהען לײַען אַ פֿינף־רובלדיקע — ער זאָל איר אויף מאָרגן אָפּצאָפּן די בלוטן.

בין איך געווען שטאָלץ, וואָס איך טראָג אין זיך אַזאַ סאָד, מיט וועלכן איך וועל ווען עס איז קאָנען איבערראַשן די מאַמע מײַנע.

דעריבער פֿלעג איך זײַן אַזוי געשפּאַנט צו יעדן פֿערטן זונטיק פֿון כוידעש, ווען די מאַמע פֿלעגט אוועקפּאָרן אויף אַ גאַנצן מעסלעס און כ'פֿלעג ווערן באַלעבאָס איבער די איבער־געבליבענע סכוירע, איבער די צוויי הינער אין הויז און אי־בער די צוויי שופֿלאָדן פֿון די צוויי קאָמאָדן.

אין איינעם פֿון אָט די קאָמאָדן איז טאַקע געלעגן מײַן אויצער צוזאַמען מיט דער יערושע, וואָס איז פֿאַרבליבן פֿונעם טאַטן פֿאַר דער מאַמען מײַנער. די דאָזיקע יערושע איז באַ־שטאַנען פֿון פֿינף וועקסלען, וואָס די דוקאָרער שוסטער האָבן געהאַט אַ מאָל אַרויסגעגעבן דעם טאַטן, אַז זיי קומען אים צו פּופּציק רובל פֿאַר סכוירע. די דאָזיקע וועקסלען זענען שוין אַלט געווען צו 10—12 יאָר, אָבער די אַלע פֿינף שוסטער האָבן נאָך געלעבט. איינעם מיט זיי האָט נאָך אויך גע־קליאָוועט די האָפֿענונג בײַ מיר, אַז ווען עס איז וועט נאָך אונדז געלינגען די דאָזיקע געלטער פֿון זיי אײַנצומאָנען. עס איז דאָך עפּעס אַ יערושע פֿון אַ טאַטן.

אויסער די וועקסלען, איבערגעבונדן מיט אַ רויטן שני־רעלע, איז נאָך אין אָט דעם קאָמאָד געלעגן אַ הילצערן קעס־טעלע מיט צוויי פֿינגערלעך פֿון דער מאַמעס קאַלע־מאַטאָנעס. איין פֿינגערל איז געווען אויסגעדרייט ווי אַ שלאַנג, דאָס צווייטע אַ גלאַטס, אָבער מיט אַ בלאָלעכן שטיינדעלע אין דער מיט.

צווישן אָט די רינגלעך, האָב איך טאַקע געהאַט באַ־האַלטן מײַנע צוואַנציק זילבערנע צענערלעך.

שפּילן זיך מיט אָט די דאָזיקע צענערלעך איז פֿאַר מיר געווען דער גרעסטער פֿאַרגעניגן. כ'פֿלעג זיי יעדן פֿערטן זונ־טיק פֿון כוידעש, ווען די מאַמע פֿלעגט זײַן אַוועקגעפֿאָרן, אויסלייגן לויט די יאָרן נאָך, אָדלער צו אָדלער, רעשעטע צו

רעשעטע, איך פלעג זיי שנײַדן מיט אַ שטיקל קאַלך. כ'מוז זיך מודה זײַן, אַז איך פלעג דעם קאַלך באַנוצן אויך צום עסן, ווען קיינער פלעגט נישט זען, כאָטש איך בין שוין געווען דעמאָלט אַ באָכער פון אַ יאָר נײַן-צען!

זאַלמען די בריל

צו אַלע מײַנע מײַלעס דאַרף איך נאָך קראַנק ווערן אויף אַ בלוט-שילשל... צו די דאָזיקע בלוטן האָט שוין די געלע וואַטקע אויך נישט געקענט העלפן. האָב איך זיך קוים געהאַלטן אויף מײַנע שוואַכע פיסלעך און נישט געקענט אַפילו העלפן דער מאַמען אויסקערן די שטוב.

אָבער איינע אַ גוטע שכנטע אונדזערע האָט אויסגעפונען זייער אַ גוטן מיטל קעגן בלוט-שילשל — דאָס איז אַ מויער-קעפל, אָדער ווי מ'פלעגט עס רופן בײַ אונדז, אַ „זמעיי". אַז מען טוט אָן דעם זמעי אויפן האַלדז — ציט אָפּ אַלע מאַכלעס. דער זמעי האָט געוויגן בײַ אַ פּאָר פונט, אָבער איך האָב זיך מעכאַיע געווען. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז טאַקע דער בלוט-שילשל פאַרבײַ. איך האָב זיך אָבער אַזוי שטאַרק געהאַט צוגעוויינט צו אָט דעם הודזשענדיקן מויערקאָפּ, אַז כ'האָב בעשום אויפן נישט געוואָלט שיידן זיך מיט אים. ווען איך פלעג אים צולייגן צום אויער — פלעג איך דערהערן אין אים אַלע קלאַנגען פון יענער וועלט. מיר פלעגט זיך דוכטן, אַז מײַן טויטער רעבע מוישע הירש, וואָס האָט מיך אַרומגענומען נאָכן טויט, זשומזשעט דאָרטן קאַפּיטלעך טילים צוליב מיר.

אויסער דעם פלעגט מיך נאָך די מאַמע אַ פּאָר מאָל אין וואָך אָוועקפירן אין דאָרפגאַס צו איינעם אַ גוי, וואָס האָט געהאַט אַ בערגל זאַמד הינטערן גאָרטן. אין אָט דעם זאַמד פלעגט די מאַמע מיך פאַרשיטן ביזן פופיק.

זאַמד, זאָגט מען, ציט אויך אָפּ אַלע מאַכלעס, אָבער די שקאַצימלעך פון די אַרומיקע הויפן, פלעגן האַלטן אין איין שרײַען צו דער מאַמען, זי זאָל מיך בעסער באַגראָבן אויפן ייִדישן בעסאַלמען, ווײַל זיי דאַרפן גאָר האָבן דעם זאַמד צום

שפילן זיך. מערנישט, איין גוטן פריינד האָב איך געהאַט אין דאָרפגאַס. ס'איז געווען אַלבע דער מעשוגענער, אַ שייגעץ פון אַ יאָר צוואַנציק, וואָס פלעגט זומער און ווינטער ארומלויפן באָרוועס, אין איין העמד, און האַלטן אין איין פרייען זיך:

— אַלב–אַלב–אַלב–אַלבו!–האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן אַלבע.

אָט דער אַלבע האָט זייער ליב געהאַט צוצוקוקן זיך, ווי אַזוי די מאַמע פארשיט מיך מיט זאַמד. אויף איר קוקנדיק, פלעגט ער אויך פאַררייסן זיין העמד איבערן קאָפּ און אָנהייבן קייקלען זיך איבערן זאַמד, שרייענדיק: אַלב—אַלב—אַלב—אַלב!

קיין אַנדערע קלאַנגען האָט ער פון זיך נישט געקענט ארויסברענגען, אָבער אין אָט דעם „אַלב–אַלב" איז געלעגן די גאַנצע היספּילעס זיינע, וואָס ער איז אַלבע דער מעשוגענער.

פלעג איך אים שענקען אַ שטיקל בולקע, וואָס די מאַמע פלעגט מיר מיטגעבן, און כ'פלעג אָנהייבן אויפן קאָל כאַזערן די שווערע ווערטער פון דער רוסישער גראַמאַטיקע, ווי כ'וואָלט וועלן דורך דעם באַווייזן אַלבע דעם מעשוגענעם, אַז ס'איז נאָך פאַראַן אַ לייטישע שפּראַך אויף דער וועלט...

די רוסישע גראַמאַטיקע, פון וועלכער איך האָב געלערנט, האָט געהאַט אויסגעזוכט פאַר אונדז דער הומענער לערער „זאַלמען די ברילל". זיינע ברילן האָט ער אָנגעטון, זאָגט מען, נישט אַזוי צוליב זיין שלעכטער ריִע, נאָר צוליב אינטעליגענטישקייט.

קעדיי צו איבערצייגן די באַלעבאַטים, אַז ער איז אַ לערער פון לערערלאַנד — האָט ער אויסגעקליבן פאַר אונדז, ייִנגלעך, אַזאַ מין גראַמאַטיק, וואָס איז דריי מאָל אַזוי דיק, ווי די באַרימטע גראַמאַטיק פון קירפּיטשניקאָוו, לויט וועלכער די גאַנצע וועלט האָט זיך געלערנט.

די דאָזיקע גראַמאַטיק האָט מעכאַבער געווען איינער אַ ייִד, בלאָשטיין, וועלכער האָט, קענטיק, געהאַט גרויס דערעכערעץ און ליבע צו דער רוסישער שפּראַך. האָט ער זיך בעשום אויפן נישט געקאָנט באַנוגענען מיט דער לאַקאָנישער פּראָזע

פֿון קירפּיטשניקאָוון, אַז די אַלע װערטער, װאָס ענדיקן זיך אויף אַ „מיאַכקי זנאַק“, זענען סײַ מענלעכער, סײַ װײַבלעכער געשלעכט.

איז ער נישט פֿויל געװען, אָט דער בלאָשטײן, און ער האָט צונויפֿגעקליבן אַ גאַנצע טאַבעלע פֿון די אַלע װערטער, װאָס ענדיקן זיך אויף אַ „מיאַכקי זנאַק“ און זענען דװקא מענלעכער געשלעכט. בײס די אַלע איבעריקע װערטער זענען שוין בעמײלע װײַבלעכער געשלעכט.

ביז הײַנט נאָך געדענק איך יענע װערטער־טאַבעלע אויסנװײניק, כאָטש דעם טײַטש פֿון אַ סך טשיקאַװע װערטער װײס איך נישט אַפֿילע איצטער.

אַלבע דעם מעשוגענעם איז געפֿעלן געװאָרן, געדענק איך, דער דאָזיקער אײַנפֿאַל בלאָשטײנס, און ער פֿלעגט נאָך מיט גרעסערער היספּײַלעס אָנהײבן צימבלען מיט די פֿינגער איבער זײַנע גראָבע ליפּן און מאַכן אַלב—אַלב—אַלב, בײס איך פֿלעג פֿון זאַמד אַרויס אים צושרײַען „װעפּר, װיכר, װאָפּל, װעפּר, װיכר, װאָפּל“ — און ס'איז אונדז בײדן דעמאָלט אַזױ גוט געװען אויפֿן האַרצן...

אונדזערע שכײנים

די שטוב אונדזערע, אין װעלכער מיר האָבן געװוינט און מיר אַלע זענען געבוירן געװאָרן, איז געשטאַנען הינטער דער פּוסטער קרעטשמע װאָס אויפֿן מאַרק. אונדזער שטוב האָט פֿאַרמאָגט אײן גרויסן צימער מיט אַ טיר און צװײ פֿענצטער צו דער גאַס. די אַנדערע צװײ פֿענצטער זענען אַרויס צום הויף. עס זענען נאָך אויך געװען צװײ קלײנע צימערן, װאָס אײנעם פֿון זײ פֿלעגט די מאַמע טאָמיד פֿאַרדינגען. אויסער דעם האָט נאָך אונדזער שטוב פֿאַרמאָגט אַ פֿינצטערע קיך מיט אַ גרויסן רוסישן אויװן. פֿון דער קיך האָט געפֿירט אַ טיר אין פּירהויז, װוּ ס'איז געװען דער שפּײַכלער, פֿון װעלכן עס האָט נאָך אַלץ געשמעקט מיט לעדער, כאָטש די מאַמע האָט, זינט דער גרויסער געניװע, די סכוירע דאָרטן נישט געהאַלטן מער.

אין פּירהויז איז טאָמיד געשטאַנען אַ לײטער, װעלכער

האָט געפירט צום בוידעם, ווו ס׳איז געשטאַנען דאָס פּייסעכ־דיקע געפעס. אויף אָט אָ דעם בוידעם פלעגן מיר אויך טרי־קענען די קעלבערנע פעלעכלעך.

פלעג איך זיך אָפּט פאַרקלײַבן אויפן בוידעם און זייער בענקען נאָך די פּייסעכדיקע קיילים, וואָס זענען געווען פאַר־פּאַקט אין אַ קאַסטן מיט היי.

די בענקשאַפט מײַנע נאָך די פּייסעכדיקע קיילים האָט זיך נאָך נישט אָפּגעטון פון מיר ביז צום הײַנטיקן טאָג. באַ־זונדערס שטאַרק בענק איך נאָך דעם צעבויגענעם זילבערנעם לעפל, וואָס די מאַמע האָט געהאַט באַקומען בעיערושע פון איר עלטער־באָבען...

פון די וויכטיקערע שכיינים אונדזערע געדענק איך דרײַ: קושע דעם באַלעגאָלע, וואָס האָט זיך געהאַט אַרײַנגעקליבן צו אונדז מײַסע פאָרפאַלק און איז אַרויסגעפאָרן פון אונדז מיט דרײַ קינדערלעך. ס׳איז זיי ענג געוואָרן אין איין צימער.

קושע אַליין פלעגט אַ גאַנצע וואָך אַרומפאָרן איבער די דערפער, און קויפן אָנעטשעס בײַ די גויעס, באַצאָלנדיק זיי מיט נאָדלען, זייף, פאָדעם און טיטון.

אין שטעטל בײַ אונדז פלעגט מען אים רופן: „באַבאַ אַנוטשי, באַבאַ אנוטשי״, ווײַל אַזוי פלעגט קושע טאָמיד אַרײַנשרײַען אין די דערפער אַרײַן.

איין מאָל, געדענק איך, האָט קושע מיטגעבראַכט פון דאָרף אַ זעקעלע מיט גריקענע מעל, ספּעציעל אויף בלינעס באַקן. האָט די יידענע זײַנע זונטיק אין דער פרי אויסגעבאַקט עטלעכע טוץ בלינעס, און אויך מיך, וואָס פלעגט זיך טאָמיד אַרומפּלאָנטערן אין קיך, מעכאַבעד געווען.

נאָך די דאָזיקע בלינעס זענען מיר אַלע, אַכוץ דער מאַמען, וועלכע איז אַרומגעלאָפן איבערן שטעטל נאָך גמילעס־כאַסאָדים, גאַנץ געשמאַק אײַנגעשלאָפן אין סאַמע מיטן טאָג. ערשט שפּעט אויף דער נאַכט איז וועלוול דעם רויפע, גע־לונגען דורך פאַרשידענע טשעקאַווע מיטלען אונדז אויפצוּוועקן. ער איז געווען שטאָלץ, וואָס ער האָט אָפּגעראַטעוועט פינף נעפאַשעס פון טויט.

די גריקענע מעל, זאָגט ער, האָט געהאַט אַ „דורמאַן״

אזא, וואָס איז נאָך ערגער פון גיפט. פון דעמאָלט אָן האָט מיר שוין די מאַמע אַ נאָמען געגעבן „דער געפונענער“.

דער צווייטער שאָכן אונדזערער איז געווען ליפּע דער שנײַדער — אַ ייִד מיט אַ קאַרפּאַטן נאָז און אַ גרויסער פּאָנ־פּאַטש. זײַן ווײַב, מאַלקע, איז נישט אָפּגעשטאַנען פון קושע דעם באַלעגאָלעס ווײַב, און זי פלעגט יעדן יאָר אים צושטעלן אַ פרישן קינד.

טרעפט זיך אָבער איין מאָל אַ סיבה, און דאָס ווײַב זײַנס, מאַלקע, האָט זייגנדיק בײַנאַכט דאָס קינד, עס צוגעשטיקט. האָט ליפּע דער שנײַדער געוואָלדעוועט אויפן גאַנצן שטעטל, אַז ער וועט זיך מיט איר אומבאַדינגט געטן, וואָרעם ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַן אייגענע מאַמע זאָל דערשטיקן אַן אויפעלע?

דאָס ווײַב זײַנס, מאַלקע, האָט נעבעך ביטער געוויינט אויפן קאָל. אַ סוואָרע, אַז אויך איר האָט זייער שטאַרק פאַר־דראָסן, האָלעמײַ זי האָט דאָס אויפעלע צוגעשטיקט, אָבער ליפּע דער שנײַדער האָט זיך נישט געגעט מיט איר, מער־נישט — אַרויסגעקליבן זיך אין אַן אַנדער דירע, ווײַל דער צימער, וואָס די מאַמע פלעגט פאַרדינגען, איז געווען נישט קיין מאַזלדיקער, האָט געטײַנעט ליפּע דער שנײַדער. ס'איז אין אים געשטאָרבן מײַן טאַטע, ס'האָבן זיך אין אים שיִער נישט אָפּגעסאַמט קושע דער באַלעגאָלע מיט דער מישפּאָכע, און אַ סוואָרע, אַז איך אַליין בין אויך געבוירן געוואָרן אין אַט דעם ציידער...

דערפאַר אָבער האָבן זיך די לעצטע שכיינים אונדזערע געהאַלטן לענגער ווי די פריִערדיקע, ווײַל די מאַמע האָט שוין פאַרדונגען דעם ציידער לעכאַטכילע צו אַן אַלמאָנע מיט דרײַ קינדער. פון אַ צווווקס אין דער מישפּאָכע האָט שוין נישט געקאָנט זײַן קיין רייד.

— די דאָזיקע שכיינע אונדזערע איז געווען לייע מערע — די בייגל־בעקערקע — די סאַמע בעסטע שכיינע אונדזערע, איבערהויפּט פאַר מיר, ווײַל פון דעמאָלט אָן פלעגט מיך שוין די מאַמע אויסריכטן אין ציידער מיט צוויי בייגל אין קעשענע.

בײַ דער דאָזיקער בייגל־בעקערקע האָב איך זיך אויס־

געלערנט צו מאַכן אַ קיטקע אין פינף סטאָלקעס, און אין יעטס־ווערער סטאָלקע אַרײַנוועלגערן האָניקמאָן. ס'איז געווען פּורים־צײַט.

די דאָזיקע צוויי פּאַראַלמאָנעוועטע הערצער (דער מאַ־מעס און דער שכיינעס) האָבן זיך זייער גוט צונויפגעלעבט. זיי ביידע האָבן שוין געלעבט מיט „נאַכעס פון קינדער". איר עלטערער זון, אַווראָם מייער, האָט שוין אויך געלערנט אין מינסקער געזעלנשול, האָט געהאַט פײַנע „טעג", און געשניטן זיך אויף ראַבאָנעס. דער מאַמעס דריטער זון, מוליע, האָט אויך געלערנט אין דער זעלביקער שול, און מ'האָט די ביידע באַכערעמלעך אין די מינסקער יעשיווע־קרײַזן גערופן די „דוי־קאָרער אילוים".

דער פּערטער ברודער מײַנער — באָניע, האָט געלערנט אין דער יעשיווע, וואָס בײַ דער טאָטערשער שול, אָבער מ'האָט אים שוין איין מאָל געכאַפּט אויף טרייף־פּאָסלען. ער האָט שוין געלייענט ביכלעך וועגן סאָציאַליזם. דאָך אָבער האָט זיך די מאַמע אויך מיט אים גרויס געהאַלטן.

אָבער די גרעסטע טרייסט בײַ די ביידע אַלמאָנעס זענען געווען די קינדער, וואָס זענען פאַרבליבן מיט זיי. בײַ לייע־מערע, דער בייגל־בעקערקע — איר באָס־יעכידקע, ריווקעלע — אַ שלאַנק, בלאַס מיידעלע, מיט פלאַקערדיקע אייגלעך און טאָ־מיד ראָזעווע בעקלעך (זי האָט, נעבעך, געליטן פון דער „דער") און בײַ דער מאַמען — איך, „דער געטשקע", „דער „פליאַגע", „דער געפונענער".

איך קאָן פאַרשעלטן

נישט נאָר אין די צונעמענישן אַליין איז באַשטאַנען, לאָזט זיך אויס, מײַן ייִכעס. כ'האָב נאָך פאַרמאָגט אין זיך דעם קויעך פון פאַרשעלטן. אַזוי יעדנפאַלס האָט עס אַנטדעקט אין מיר די מומע כאַיע — דאָס ווײַב פון מײַן פעטער פײַטל דעם מאַלעך.

אָט, לעמאָשל, האָב איך פאַרשאָלטן דעם סמילעוויטשער דאָקטאָר, וואָס האָט איין מאָל געהאַט אָנגעשראָקן מײַן מאַמען,

אַז כ׳וועל בײַ איר סײַ ווי סײַ לאַנג נישט לעבן, און אין דעם זעלביקן יאָר, וואָס ער האָט מיר געהאַט אָפּגעזאָגט מײַן לעבן — האָט מען אים אַוועקגעשיקט ערגעץ ווו אין סיביר, ווו ס׳איז אויסגעבראָכן די כאָלערע, איז ער אַליין, דער דאָקטאָר, פון איר אומגעקומען.

דער צווייטער פאַל האָט פּאַסירט מיטן קיידערס הונט, וועלכער פלעגט אָנפאַלן אויף אַלע יידישע קינדער, וואָס פלעגן דורכגיין די קיידערגאַס. אויך אַפילע אויף מיר מיט דער מאַמען, ווען מיר פלעגן קומען צום קיידער, ער זאָל באַאַר־בעטן די אָסאָסקעס אונדזערע. האָב איך איין מאָל צוגעווונטשן דעם הונט אַ מיסע מעשינע... גראָד אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט דער גאַזלאָנישער קעלעוו אַרונטערגעלאָזט זײַן קודלאַטן ווידל צווישן די הינטערשטע פיס, און פון זײַן פּיסק האָט זיך באַוויזן אַ ווײַסער שוים.

האָט ס׳שטעטל באַשלאָסן, אַז דער קעלעוו איז נישט אַנדערש ווי מעשוגע געוואָרן. מען האָט אים געשאָסן אויפן מיטן מאַרק, לעבן יאָשע דעם קאַצעוו, וואָס האָט דעם קעלעוו פאַרנאַרט מיט אַ גריינזיק.

די מומע כאַיע, וואָס האָט געווינט אַנטקעגן יאָשע דעם קאַצעוו, האָט פון פענצטער צוגעזען די גאַנצע געשיכטע, איז איר געוואָרן קלאָר, אַז דאָניעס אַ קלאָלע מוז מעקויעם ווערן, זענען מײַנע אַקציעס אין שטעטל נאָך מער געשטיגן. מ׳פלעגט מוירע האָבן אײַנצורײַסן זיך מיט מיר. אויך אַפילע מיט דער מאַמען מײַנער. איבערהויפּט האָט געוואָלט לעבן מיט אונז בע־שאָלעם די מומע כאַיע, וואָס איז בעטעווע דאַווקע געווען אַן אײַנרײַסערקע, אָבער די מומע כאַיע האָט דאָך די ערשטע אָפּגעשאַצט אין מיר דעם געטלעכן קויעך. און נאָך איידער כ׳פלעג אַרײַנקומען אין שטוב צו זיי, פלעגט זי מיר פון קראָם אַרײַנטראָגן צוקערקעס מיט ניסלעך, און מיך ברייט מעכאַבעד זײַן, אַבי נאָר כ׳זאָל נישט אַרויס קיין ברויגעזער.

בין איך געוואָרן אַן אָפּטער אײַנגייער צו דער מומע כאַיען.

מײַן פעטער פײַטל

נישט נאָר צוליב די נאַשערײַען אַליין פּלעג איך אָפט אַרײַנקומען צו דער מומע כאַיע, איך האָב דאָרטן געהאַט אַ סאַך װיכטיקע און געהײמע איניאָנים, װאָס נאָר איך און דער פּע־טער פּײַטל האָבן געװוּסט פון זײ.

דער פעטער פּײַטל, װי באַקאַנט, איז שוין בײַ צװאָנציק געװען אַ שטובזיצער. נישט כאָלילע דערפאַר װאָס ער איז געװען קראַנק, נאָר צוליב געװיסע טעמים, װאָס נאָר אים אַליין, דעם פעטער פּײַטלען, זענען זײ געװען באַקאַנט.

ביז אײנס אַ זײגער בײַטאָג פלעגט ער אַרומגײן אין טאַלעס און טפילין, אָבער ער פלעגט בײס־מאַסע נישט דאַ־װענען און נישט לערנען, נאָר עפּעס װאָס אַרײַנשרײַבן אין אַ דיקן העפט, װאָס האָט געהײסן „סײפער האַפּאָלױע".

ס׳גאַנצע שטעטל האָט אײגנטלעך געװוּסט, אַז „פּײַטל דער מאָלעך" שרײַבט עפּעס אַ סײפער, נאָר קײנער האָט נישט גע־קאָנט װיסן, װאָס ער שרײַבט דאָרטן אַרײַן און צוליב װאָס ער שרײַבט אים ביכלאַל.

אַ סװאָרע, אַז מײַן פעטער פּײַטל האָט געהאַט אַזאַ מין פּלאַן, װי אַזױ אױסצולערנען די װעלט אַלע שיװואים לעשױנעס, כאָטש ער אַליין האָט קײן שום שפּראַך, כוץ ייִדיש און העב־רעיִש, נישט געקענט.

דער אַנדערער האַלבער טאָג פלעגט בײַ אים אַװעקגײן אויף אַרבעט אַרום זיך אַליין. דער פעטער פּײַטל פלעגט זיך אַליין נײען שיך אַזעלכע, װאָס קײן אײן אײנציקער שוסטער װאָלט זײ נישט געקענט מאַכן.

מײַן פעטער פּײַטל פלעגט זיך אַליין אַראָפּנעמען אַ מאָס פון די פיס אויף אַזאַ מין שטײגער: ער פלעגט באַנעצן די פיסטריט מיט עפּעס אַ פעטער שמירעכץ, און זײ אַװעקשטעלן אויף אַ פּאַנערנעם ברעטל, פון װעלכן ער פלעגט נאָך דעם אויס־שנײַדן די שפּורן, װאָס זענען פאַרבליבן פון זײַנע פיסטריט. אַזױ אַרום פלעגט ער אַרױסקריגן די ריכטיקע מאָס פון זײַנע טשעקאַװע פיס, װאָס זענען געװען שטענדיק אָנגעשװאָלן און בלױ באַאָדערט.

דער פּעטער פּיַיטל פּלעגט זיך אויך אויפּנייען אַליין טשעקאַווע הויזן, וואָס פּלעגן אויסזען ווי צוויי זעקלעך מיט איין לאָך פון אויבן.

אַזוי אַרום האָט דער פּעטער פּיַיטל געהאַט אַרום זיך אַליין גענוג אַרבעט. ער פּלעגט אַ גאַנצן טאָג ארומפּויזען אין בערן צימער און איבערן הויף מיט אַ פאַרזאָרגט פּאָנעם, ווי ער וואָלט געציטערט, אַז דער טאָג זאָל אים נישט זיַין צו קורץ אויף אַלץ אָפּצוטון.

ער האָט זיך, נאַטירלעך, טאָמיד גענייטיקט אין אַ באַהעלפער, וואָס זאָל אים פאַרבינדן מיט דער אויסערער וועלט. נישט אַלץ, וואָס ער האָט נייטיק געהאַט צו זיַין ווארשטאַט, פּלעגט ער קאָנען באַקומען אין דער מומע כאַיעס קראָם.

אָט די באַהעלפער זיַינע זענען געווען מיַינע ברידער לויטן עלטער נאָך, ביז די ריי איז דערגאַנגען צו מיר — דעם יינגסטן און דעם איינציק פאַרבליבענעם פּלימעניק זיַינעם. האָט ער אויך מיר אָנגעהויבן צאָלן דעם זעלבן „געהאַלט", וואָס די עלטערע ברידער מיַינע פּלעגן פון אים באַקומען — טאַבאַק.

דער פּעטער פּיַיטל אַליין האָט געריייכערט מעשונעדיקע פּאַפּיראָסן, וואָס ער פּלעגט צונויפדרייען ווי אַ לייקע — פון אויבן ברייט און פון אונטן שמאָל, קעדיי דער שמאָלער עק פון דעם פּאַפּיראָס זאָל קענען אַריַין אין דער שווארצער לאָך פון זיַין אויסגעברענטער הילצערנער ציגאַרניצע. אַזאַ מין פּאַפּיראָס פּלעגט ער מיר געבן יעדן טאָג. פּלעג איך שוין פון אים אויסדרייען צען קליינע פּאַפּיראָסלעך, וואָס אַ טייל פון זיי פּלעג איך צעשענקען מיַינע כאַווײרים, און אַ טייל אַליין אויסרייכערן. צו צוועלף יאָר האָט מיך שוין דער פּעטער פּיַיטל אויסגעלערנט געשמאַק צו רייכערן.

אין שטעטל פּלעגט זיך דער פּעטער פּיַיטל וויַיזן פיר מאָל אַ יאָר: צוויי מאָל, ווען ער פּלעגט האָבן יאָרציַיטן נאָך טאַטע־מאַמע און גיין אין דער אַלטער שול זאָגן קאַדיש, איין מאָל יאָם־קיפּער, ווען ער פּלעגט שוין דעם גאַנצן מעסלעס פאַרבליַיבן אין שול, און איין מאָל ערעוו־יאָמקיפּער, ווען ער פּלעגט גיין אין מיקווע. דער לעצטער אַרויסגאַנג זיַינער פּלעגט זיַין איינער פון די סאַמע שווערסטע און געפערלעכסטע אַרויסגאַנגען. אויף צו־

דערקלײַבן זיך צו אונדזער באָד, פּלעגט דער פּעטער פּײַטל מוזן דורכגיין נישט נאָר דעם מאַרק, נאָר אויך די גאַנצע טײַכגאַס. פּלעגט ער האַלטן אין איין ציטערן, דער פּעטער פּײַטל — ער זאָל כאַלילע נישט באַגעגענען אויפן וועג קיין פרוי. ווען מען באַגעגנט אַ פרוי — מוז מען זיך אומקערן צוריק אין מיקווע אָפּ־טויוולען זיך. גראָד פּלעגן אַלע ווײַבער זײַן נײַגעריק אָנצוקוקן פּײַטל דעם מאַלעך, ווי אַזוי ער פּויזעט מיט זײַנע קלעצלדיקע פיס איבערן שטעטל, און נישט איין מיידל פּלעגט אים בעקיוון איבערלויפן דעם וועג.

האָב איך שוין געהאַט אויף זיך די שעליכעס צו גיין פאַ־רויס און וואָרענען די נאָשים — זיי זאָלן איצט פון די הײַזער נישט אַרויסקומען, ווײַל מײַן פּעטער פּײַטל גייט אין מיקווע. אָבער פון די פענצטער פּלעגן דאָך אַלע אויף אונדז ביידן זייער נײַ־געריק קוקן. איך בין, נאַטירלעך, געווען שטאָלץ אויף אַזאַ מין שעליכעס, וואָס איך רוים אָפּ דעם וועג פאַר מײַן פּעטער. איך פלעג זיך פילן דעמאָלט ווי אַ בוקסירל, וואָס שלעפּט הינטער זיך אַ שווערע בערלינע.

מאַשע די מעשוגענע

אויף דעם פּעטער פּײַטל קוקנדיק, איז נישט נאָר די מומע כאַיע, נאָר אויך אַפילע די ייִנגערע טאָכטער זייערע, מאַשע, גע־ווען ביז מעשוגאַס פרום. אַזוי אַן ערעך פּלעגט זי יעדן זונטיק, ווען אין קראָם פּלעגן אַרײַנקומען פאַרשידענע גויִים און גויעס, אַרומדרייען די הענט און דעם האַלדז, ביז איבערן מויל, מיט האַנטעכער, ווײַל ווען די גויִים רעדן — פּלעגט מאַשע טײַנען — שפּריצט פון זיי מיט כאַזער, און ס'קאָן נאָך, כאַלילע, איר לײַב ווערן אומריין.

האָט איין מאָל דער טאַטע מײַנער (אַזוי האָט מיר דערציילט די מאַמע) געכאַפּט מאַשען פאַר די הענט, איר אויפגעריסן דאָס מויל און אויסגעשמירט עס מיט אַ ביילעוונער ליכט...

פון דעמאָלט אָן האָט שוין מאַשע אויפגעהערט צו וויקלען זיך אין האַנטעכער, אָבער שפּעטער אַ ביסל, וואָס איך אַליין גע־דענק שוין — איז זי טאַקע אויף צו דער עמעסן מעשוגע געוואָרן.

ס׳האָט פּאַסירט אין אַ האַרבסטיקן שאַבעס־צונאַכטס. מײַן פעטער פּײַטל איז פּלוצים נישט גוט געוואָרן. האָט מען געמוזט אויף גיך ברענגען דעם גוייִשן פעלדשער פון דער קיידערגאַס.

איז מאַשע הענדום־פענדום אַוועקגעלאָפן נאָכן פעלדשער.

די נאַכט איז געווען אַ רעגנדיקע און אַ ווינטיקע. אָנהייב קיידער־גאַס איז געשטאַנען דער ווײַסער פוילישער קלויסטער מיט די דרײַ באַציילעמטע קופּאָלן. אויף איינעם פון די דאָזיקע קו־פּאָלן איז געווען אַ בלעך אָפּגעריסן. דער ווינט האָט זיך מיט איר געשפּילט אין דער סומנער נאַכט אַרײַן.

האָט מאַשע געמיינט, אַז אויפן שפּיץ קלויסטער טאַנצן די נישטגוטע — האָט זי זיך פאַר גרויס שרעק אויסגעגליטשט און זי איז געבליבן ליגן אין בלאָטע.

פאַרבײַגייער האָבן זי אויפגעהויבן און זי געבראַכט אַהיים מיט איבערגעדרייטע אויגן און מיט אַ פאַרשוימטן מויל.

אויף מאָרגן האָט שוין מאַשע צוגעטראַכט אַ גאַנצע גע־שיכטע, ווי אַזוי די שיידים פון קלויסטער האָבן זיך אויף איר אַרויפגעוואָרפן און זי געוואָלט דערשטיקן.

פון דעמאָלט אָן האָט מען איר אין שטעטל אַ נאָמען גע־געבן „מאַשע די מעשוגענע”.

אָבער נישט דער פעטער פּײַטל און נישט די מומע כאַיע האָבן מאַסקים געווען מיט שטעטל, אַז די טאָכטער זייערע איז טאַקע, סאַניי־ציען, מעשוגע, אַדעראַבע, ס׳רעדט גאָטס מויל פון איר...

מאַשע די מעשוגענע פלעגט האַלטן אין איין טײַנען, אַז ווען מען מאַכט זי כאַסענע — וואָלט זי איינס און צוויי אויפגע־הערט שרעקן זיך פאַר שיידים.

ווי עס זעט אויס — האָט מאַשע שטאַרק מעקאַנע געווען מײַן עלטערע שוועסטער, מירלען, וואָס יענע האָט שוין כאַסענע געהאַט און זי — נישט. האָבן אייניקע גוטע פרײַנד געאייצעט, אַז מען זאָל זי כאַסענע מאַכן מיט מאָשע־זעליק, איטקע מאָשע־זעליקס.

איטקע מאָשע־זעליקס אַליין האָט געוווינט אין שכיינעס מיט דער מומע כאַיע. זי איז געזעסן אויף קעסט בײַ שטעטל. איר מאַן איטשע ווײַסברעט פלעגט אַרומפאָרן איבער דער וועלט נאָך

נעדאָוועס. ווײַל ער האָט געהאַט איין ברעם אין גאַנצן אַ ווײַסע. דאָס ווײַב זײַנס מיט די קינדער פלעגן אויסגעהאַלטן ווערן פון שטעטל. איז אָט איינער אַ זון אירער מאָשע־זעליק, — אויך גע־ווען אַ ביסל אַ טאַמעוואַטער — האָבן מיר, ייִנגלעך, זייער געוואָלט, ער זאָל ווערן מעשוגע...

מיט אַלבען, וואָס פלעגט מאַכן נישט מער ווי אַלב—אַלב — איז אונדז שוין געווען אומעטיק. האָבן מיר באַשלאָסן צו באַאַר־בעטן מאָשע־זעליקן, ווײַל ער איז דאָך געווען סײַ ווי סײַ אַ קאָ־האָלישער, און ער פלעגט זיך טאָמיד אַרומדרייען איבער די הײַזער.

אָבער מאָשע־זעליק האָט, לאָזט זיך אויס, בעשום אויפן נישט געוואָלט מעשוגע ווערן, כאָטש מיר האָבן זיך בײַ אים אַזוי פיל געהאַט געבעטן. דאָס איינציקע, וואָס ער פלעגט אונדז טון צו־ליב — איז ווײַזן, ווי אײַזן שווימט אויף וואַסער.

— אָט וועט איר זען, גיט נאָר אַהער אַ גלאָז וואַסער, אַ פּאַפּירל און אַ נאָדל — פלעגט מאָשע־זעליק באַגײַסטערט אונדז צורופן, און ווען ער פלעגט עס אַלץ קריגן — פלעגט ער פּאָרזיכ־טיק אַרײַנלייגן אין גלאָז וואַסער דאָס שטיקל פּאַפּיר, עס זאָל שווימען פון אויבן און אויפן פּאַפּיר — אַרויפלייגן די נאָדל און אויסשרײַען מיט ניצאָכן:

— זעט איר, ווי אײַזן שווימט אויפן וואַסער!

דעמאָלט ערשט פלעגן מיר זיך אָנהייבן בעטן בײַ אים, ער זאָל כאָטש כאַסענע האָבן מיט מאַשען.

— וואָס אַרט דיך, מאָשע זעליקל, אַ געזונט צו דיר, האָב מיט איר כאַסענע וועסטו נישט דאַרפן גיין איבער די הײַזער — פלעגן מיר, ייִנגלעך, בעטן זיך בײַ אים ווי בײַ אַ גאַזלען. אָבער מאָשע־זעליק האָט בעשום אויפן נישט געוואָלט הערן פון דעם שידעך.

ער פלעגט אונדז ענטפערן אויף דעם מיט אַזאַ מין לידל, וואָס ער אַליין האָט געהאַט צוגעטראַכט:

בײַ פײַטל דעם מאַלעך	בײַ פײַטל דעם מאַלעך
איז צוגעמאַכט די לאָדן —	טרייסלט זיך דער בוידעם —
אין מאַשע די מעשוגענע	און מאַשע די מעשוגענע
עסט אויף דעם גאַנצן פלאָדן.	מיינט, עס זענען שיידים..

מײַנע ברידער

מײַנע ברידער פֿלעג איך זען צװײ מאָל אין יאָר: פּייסעך און סוקעס. דער בעסטער יאָנטעװ פֿלעגט זײַן בײַ מיר סוקעס, װײַל די ברידער פֿלעגן דעמאָלט פֿאַרברענגען אין דער היים קימאַט אַ גאַנצן כוידעש. די צװײ פֿון בערעזין — מענדל און זאַלקע. און די צװײ פֿון מינסק — מוליע און באָניע, פֿלעגן קומען אַ פּאָר טעג פֿאַר ראָש האַשאָנע. די שטוב אונדזערע פֿלעגט דעמאָלט װערן די פֿריילעכסטע שטוב אין גאַנץ דוקאָר.

בראָכעס קינדער, פֿלעגט מען זאָגן אין שטעטל, זענען אַ גאָטס בענטשונג. די מאַמע, װאָס איז בעטעװע געװען אַ שטילע, באַשיידענע פֿרוי, האָט אין דער סװיװע פֿון אירע קינדער זיך געפֿילט שטאָלצער און טאַקיפֿער.

די ברידער פֿלעגן אויסבויען די גרעסטע סוקע אין גאַנץ דוקאָר, װײַל אַכוץ אונדזערע אייגענע זעקס פֿאַרשוין פֿלעגט נאָך זײַן אונדזער שכיינע לייע מערע די בייגלבעקערקע מיט אירע דרײַ קינדער, און אויך די עמעסע באַלעבאָסטע פֿון אונדזער שטוב — די יעשװוניצע כאַנע זאָריקער מיט אירע קינדער, װאָס זיי פֿלעגן פֿון ערעװ יאָמקיפּער ביז כויל-האַמויעד סוקעס קומען פֿון דאָרף צו אונדז, קעדיי צו זײַן צװישן ייִדן.

אָבער די דאָזיקע יעשװוניצע פֿלעגט מיר טאָמיד פֿאַרשטערן די סימכע. נישט אַזוי צוליב דעם, װאָס זי פֿלעגט מיר דערמאָנען, אַז די שטוב אונדזערע, אין װעלכער מיר אַלע זענען געבוירן געװאָרן, איז גאָר אַ פֿרעמדע, נאָר צוליב דעם בענאָק אירן, מוישע-אַרינקע, װאָס איז געװען אַ ביסל ייִנגער פֿון מיר.

אָט דער דאָזיקער מוישע-אַרינקע איז דאָך געװען, לאָזט זיך אויס, דער עמעסער יורעש פֿון אונדזער שטוב, נאָר אַזוי װי ער האָט דאָס נאָך נישט געקאָנט באַנעמען מיט זײַן אייגענעם סייכעל, פֿלעגט כאַנע זאָריקער, די מאַמע זײַנע, פּרובירן אײַנפּלאַנצן בײַ אים דאָס אייגנטום-געפֿיל אויף אַזאַ מין שטייגער. זי פֿלעגט אים געבן אַ שטעל אַװעק אין מיטן דער קיך, מיטן פּאָנעם צום עסצימער און אים אויפֿמונטערן:

— פּיש, פּיש, מוישע-אַרינקע, ס'איז דאָך דײַן שטוב!

מוישע־אַרינקע פלעגט זיך נישט לאָזן לאַנג בעטן...

דערפאַר אָבער פלעג איך פון אים נעקאָמע נעמען אין סוקע, ווען מיר אַלע פלעגן זיך אויסזעצן ברייטלעך, יעדערער בײַ זײַנע כאַלעס, און מאַכן קידעש איינע נאָך די אַנדערעאויף אויסנווייניק. מוישע־אַרינקע פלעגט נעבעך שטומען, ווי יורקעס הונט. כאַנע זאַריקער פלעגט אים שטופן אַן האַמויצע פון איר אייגענער כאַלע.

נאָך דער וועטשערע פלעגט זיך אונדזער סוקע פאַר־וואַנדלען אין אַ ריכטיקן זינגקאַסטן. יעוועדער ברודער האָט געהאַט זײַנע אייגענע לידלעך. מ׳פלעגט אַרײַנזינגען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן.

מער נישט, מיך פלעגט די מאַמע נישט לאָזן לאַנג זיצן אין סוקע, ווײַל די סוקע, אַ סוואָרע, האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט. איך בין דאָך געבוירן געוואָרן אויף מאָרגן נאָך יאָם־קיפּער, איז דער בריס מײַנער געווען אין סוקע. טאַקע דעמאָלט האָב איך געהאַט געפּאַקט די ריכטיקע פאַרקילונג, פון וואָס איך האָב שפּעטער באַקומען מײַנע געשווירלעך.

פלעג איך נישט וועלן אַוועקגיין פון דער סוקע אַזוי לאַנג, ביז די ברידער מיט די שכיינים מיט די געסט, פלעגן אַלע אַרײַנקומען אין שטוב אַרײַן און ערשט איבער אַ נײַס אָנהייבן זינגען:

אין לאַנד פון פּיראַמידן
וואַר איין קעניג בייז און שלעכט,
און דאַרט וואַרן אַלע יידן
פּאַרעס דינער, פּאַרעס קנעכט.
פלעג איך שוין אויך אונטערכאַפּן:
און דאַרט וואַרן אַלע יידן
פּאַרעס דינער, פּאַרעס קנעכט.

די יאָנטעוודיקע טעג פלעגט מען פאַרברענגען אַ ביסל אין ניס־שפּילן און אַ ביסל אין כאַקרענען זיך וועגן קאָלערליי וועלטלעכע איניאָנים.

דער מיטלסטעד ברודער מײַנער, מוליע, געדענק איך, פלעגט טאָמיד מוירע האָבן, עס זאָל כאָלילע נישט אויסגיין קיין וואַסער אויף דער וועלט. אונדזער טײַך סוויסלאָטש איז

זייער אַ שמאָלער און אַ פלאַכער. די ברונעמער זענען אויך געווען נאַנט וויַטלעך פון אונדזער הויז. אין די יאָנטעווודיקע טעג טרינקט דער אוילעם געוויינלעך זייער אַ סאַך טיי, און ס'ווערט אויך זייער אַ פולע געקאָכט. איז מוליע פּלוצלונג געוואָרן אומרויִק, וואָס אַן ערעך וועט עס זיַין, ווען עס פעלט אויס וואַסער אויף דער וועלט? מענטשן און בעהיימעס זויפן אַזוי פיל, און ס'טײַכל אונדזערס ווערט נעבעך אַלץ שמעלער און פלאַכער.

האָט דער אומעטיקער בענטשע־מאָטע בערעזשאַנקערס, אָט דער זעלביקער, וואָס פלעגט זײַנע גײַע קאָלאָשן באַשמירן מיט דזשעגעכץ, קעדיי דער גלאַנץ זאָל אים נישט האַקן אין פּאָנעם אַרײַן, האָט ער באַרויִקט מײַן ברודער מיטן גאַלגאַל־האַכויזער, דאָס הייסט, אַז דאָס וואַסער דרייט זיך אַהין און צוריק פון די טײַכן אין די ברונעמער, פון די ברונעמער אין די בײַכער און פון די בײַכער צוריק אין דער ערד, ווו דאָס וואַסער ווערט דורכגעזײַט און דורכגעלײַטערט, ביז עס קומט ווידער אַרײַן אין די ברונעמער און טײַכן אאַ״וו. האָט זיך מײַן ברודער מוליע געהאַט דעמאָלט אַ ביסל באַרויִקט.

דער ברודער זאַלקע, וואָס איז עלטער פון מוליען, האָט געהאַט עטלעכע שוואַכקייטן מיט אַ מאָל: ס'האָט זיך אים געגלוסט האָבן אַ שיינעם פּאָטשעראַק (האַנטשריפט), קענען מוזיק און פאַר־מאָגן אַ גומענעם שטעמפּל...

האָט ער אויסגעשריבן „קאַליגראַפיע״ אַזש פון אָדעס בײַ דעם באַרימטן קאַליגראַף קאָסאָדע, איז ער געוואָרן אַן אַגענט פון גומענע שטעמפּלען אויף גאַנץ בערעזין און דוקאָר און ער האָט אויך אויסגעשריבן די בעכינעמדיקע קאַטאַלאָגן פון אינסטרומענטן־פאַבריקאַנט יולי הענריך צימערמאַן.

מײַן ברודער זאַלקע איז אָבער אַד האַיעם געבליבן נעבעך אָן אַ פידל און אָן אַ שיינעם פּאָטשעראַק, מער נישט, אַ גומע־נעם סטעמפּעלע איז אים דאָך געלונגען אַרויסצובאַקומען פאַר זײַן אַגענטור איבער גאַנץ בערעזין און דוקאָר.

די דאָזיקע ביידע ברידער מײַנע, זאַלקע און מוליע, זענען פון נידעריקן וווקס, ווײַל זיי זענען מער ענלעך צו דער מאַמען, בייס די אַנדערע צוויי, מענדל און באָניע, זענען העכער, ווײַל דער טאַטע אונדזערער איז אויך געווען אַ הויכער.

אונדזערע מײַכאָלים

אין די וואָכעדיקע טעג פֿלעגט אונדז די מאַמע אָפֿט געבן קאַרטאָפֿל מיט ליאָק (הערינגראָסל). ווען מען טונקט אײַן אַ הייסע קאַרטאָפֿל אין ליאָק — איז דער זעלבער טאַם, ווי מען וואָלט געהאַט אַ שטיקל הערינג אין מויל. ליאָק פֿלעגט אונדז די מומע כאַיע געבן אָן אַ גראָשן געלט. אוגערקעס־ראָסל פֿאַרווײַסט מיט אַ ביסל סמעטענע אָדער אַ שיסעלע זויערמילך איז אויך געווען אַ מײַכל. אין אַ ראָשכוידעש־טאָג פֿלעגט שוין די מאַמע צוטראַכטן פֿריילעכערע מײַכאָלים — קאַרטאָפֿל־בלינעס מיט אַ שטיקעלע פּוטער אָדער אַ „קאַפּהאָן״. „קאַפּהאָן״ פֿלעגט די מאַמע מאַכן פֿון אַלטע ברויט־סקאָרינקעס, וואָס ווען מען קאָכט זיי גוט פֿונאַנדער, באַקומט זיך אַזאַ מין הייסע ראָשטשינע, וואָס איז גוט צו עסן מיט אַ שטיקל צוקער אין מויל. אָבער די בעסטע מײַכאָלים פֿלעגט אונדז די מאַמע מאַכן יאָנטעווטעג, ווען ס׳פֿלעגן זיך אָנפֿאָרן אַלע קינדער. יעדן ערעוו שאַבעס אָדער ערעוו יאָנטעוו פֿלעגט די מאַמע צעלאָזן פּוטער אין הייסער סמעטענע, און מיר פֿלעגן טונקען אין דעם ווייכע בולקע, אָקערשט פֿונעם אויוון. פֿרײַטיק בײַ דער נאַכט פֿלעגט די מאַמע דערלאַנגען די באַרימטע „ציבולניצע״. דער טאָפּ מיט ציבעלעס מיט אַ שטיק פֿעטן פֿלייש פֿלעגט אַ גאַנצן פֿרײַטאָגדיקן טאָג זיך פּרייען אין דעם גוט אָנגעהייצטן אויוון. צו דער שאַבעסדיקער וועטשערע פֿלעגן מיר אַלע גערן טונקען פֿרישע כאַלע אין הייסער און פֿעטער ציבעלע־יויך. דאָס שטיק פֿעטע ציבעלע־פֿלייש פֿלעגט די מאַמע באַהאַלטן אויף מאָרגן צום מיטאָג. מען האָט אים געגעסן קאַלטערהייט, ווי אַ פֿאָרשפּײַז צום יאָנטעוודיקן מיטאָג.

אָבער די גרעסטע האַנאָע פֿלעג איך האָבן פֿייסעך צו די סדאָרים, ווען די מאַמע פֿלעגט אַרויפֿשטעלן אויפֿן סיידערטיש די זיבן צוזאַמענגעקלעפּטע ליימענע טשאָרליעטשקעס מיט די זיבן פֿאַרברוינטע בולבע־קוגעלעך. יעדער איינער פֿון אונדזער זיבןקעפּיקער מישפּאָכע פֿלעגט באַקומען צו דער הינערשער יויך זײַן באַזונדער בולבע־קוגעלע.

די דאָזיקע זיבן צוזאַמענגעקלעפּטע ליימענע טשאָרליעטשקעס זענען אָבער אין איינעם אַ כויל־האַמויעדיקן טאָג אַרונטער־

געפאַלן פון דער פליישיקער פּאַליצע. זיי זענען צעשאָטן געוואָרן אויף שערבלעך. פון דענסטמאָל אָן האָט אויך אונדזער זיבן־קע־פּיקע מישפּאָכע זיך אָנגעהויבן צו צעשערבלען איבער אַלע זיבן יאַמים. אַד היַעם בענקט זיך מיר אָפט נאָך יענע יאָנטעוודי־קע און וואָכעדיקע מײַכאָלים, כאָטש נישט אַלע פון זיי וואָלט איך איצטער געקענט עסן.

דוקאָרער גאַסן און טיפּן

אונדזער שטעטעלע דוקאָר האָט פאַרמאָגט, אויסער די צוויי לאַנגע גויִישע גאַסן: די דאָרפגאַס און קיידערגאַס, נאָך פיר אַנ־דערע עכט ייִדישע גאַסן. יעטוועדע גאַס האָט געהאַט איר אייגנ־אַרטיקן פּאָנעם און כאַראַקטער. אַזוי, לעמאָשל, איז די סמילעווי־טשער גאַס געווען די גאַס פון די האָרעפּאַשניקעס. ס׳האָבן דאָרטן געוווינט די עטלעכע דוקאָרער שוסטערס, די קאַצאָווים, די פּאָר שנײַדער, מוישע אָרן דער קירזשנער מיטן גראָבן פּעמפּיק, אײַזיק דער קעסלער און אויך די עטלעכע דאַרדעקע־מעלאַמ־דים.

אויסער דעם האָט נאָך אין דער דאָזיקער גאַס אויך געוווינט איינער אַ ייִדל, „מוישע־אַבע, דער הימל פאַלט”. ר׳איז געווען אַמאָל, זאָגט מען, אַ שנײַדער, אָבער פּלוצים האָט זיך אים אָפּגעדוכט, אַז דער הימל פאַלט, האָט ער גע־וואָרפן זײַן שנײַדערײַ און ער איז געוואָרן אַ צעמישטער. פון דענסטמאָל אָן פלעגן שוין מיר, ייִנגלעך, לויפן אין סמילעווי־טשער גאַס צו מוישע אַבען זען, ווי אַזוי דער הימל פאַלט...

די צווייטע וויכטיקע גאַס איז געווען די טײַכגאַס — די גאַס פון די דוקאָרער באַלעבאַטים, רעדלפירער און קלייקוידעש. זי האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער שטוב פון סימכע אָרעס, אַ וואַלדמענטש מיט אַ געשוירענעם בלאָנדן בערדל, ־יוי אַ לאָ־פּעטקע, און מיט צוויי קאַסאָקע אויגן, וועלכע סימכע פלעגט טאָמיד האַלטן פאַרריסן צום הימל.

— אַ נעס; וואָס ער האַלט כאָטש צוגעמאַכט דאָס מויל,— פלעגן שטעטלדיקע ייִדן װעגן אים לעצעווען, — אַנישט קאָן אים נאָך אַ פייגעלע עפּעס אָפּטון...

סימכע אָרעס איז געווען, זעט אויס, שטאָלץ, וואָס זײַן בערדל איז גרויסשטעטיש אונטערגעשוירן, און וואָס מיט אים הייבט זיך אָן די באַלעבאַטישע טײַכגאַס.

די דריטע גאַס איז געווען דער מומע כאַיעס גאַס, אַנ־דערע פלעגן זי רופן די בלאָצעגאַס, ווײַל זי האָט זיך געענ־דיקט מיט אַ גרויסער שטייענדיקער בלאָטע, ווו זשאַבעס פלעגן גאַנצע זומערס באַזינגען די שיינקייט פון אונדזער דו־קאַר. אויף דער דאָזיקער גאַס האָבן געוווינט די עטלעכע קרע־מער, מוישע הירש דער ברויטבעקער, וועלוול דער סטאַרעסטע און הילעל דער שרײַבער. ס׳האָט געשמעקט פון דער דאָזיקער גאַס מיט קאָזנאַ (מאַכט). מ׳פלעגט קומען אַהער נאָר דאַן, ווען די גע־שעפטן פלעגן טרײַבן אין אַן אייס צאָרע צו הילעל דעם שרײַ־בער נאָך אַ פּראָשעניע, אָדער צו מוישע־הירשל דעם בעקער נאָך אַ געמילעס־כעסעדל. דעם עמעס געזאָגט, האָט דוקאָר נישט ליב געהאַט די בלאָצעגאַס. שוין צוליב דעם אַליין, וואָס דאָרטן האָט נאָך געלעבט זעליק דער כאַפּער, וועלכער איז אויף די עלטערע יאָרן געוואָרן אַ כעוורע־קאַדישעניק; די איבעריקע קוואָרעסלײַט האָבן אויך געוווינט אַרום דער בלאָצע, — איז בעסער, אַז מען וואַרפט זיך זיי נישט אין די אויגן...

די פערטע גאַס איז געווען די אַזוי גערופענע קאַנצע־לאַריע־גאַס, ווו ייִדן מיט גויִים האָבן געוווינט געמישט איינע מיט די אַנדערע. די יוגנט פלעגט די גאַס רופן סאָדגאַס, צו־ליב די סעדער און גערטנער. די דאָזיקע גאַס איז געווען די סאַמע וויכטיקסטע שפּאַצירגאַס פאַר דער שטעטלדיקער יוגנט.

דאָ האָט יוינע געהאַלטן די „סטאָיקע" מיט זײַנע גרוי־סע, גוט אויסגעפּאַשעטע פערד, כאָטש ער אַליין האָט געוווינט אין דער באַלעבאַטישער טײַכגאַס. גערופן האָט מען אים נאָר יוינע, אָן קיין שום צונעמעניש, ווײַל אין שטעטל בײַ אונדז האָט געקענט זײַן נאָר איין יוינע אַזאַ, אָט ווי ער גייט און שטייט. דער נאָמען יוינע האָט שוין קוילעל געווען אין זיך סײַ דעם קויהען, סײַ דעם גוויר אַדיר, סײַ דעם קאַמצן, און סײַ דעם גראָבן יונג.

אַז יוינע פלעגט אין קאַס ווערן (און אין קאַס ווערן פלעגט יוינע זייער אָפט און לײַכט), פלעגט ער זיך נישט פוילן

אין סאַמע מיטן מאַרק מאַכן אין דער מאַמען אַרײַן אויף דער העכסטער אָקטאַווע. קײנעם פֿלעגט עס נישט אַרן, ווײַל דאָס פֿלעגט אַזוי קלײדן צו זײַנע לײַוונטענע מײַטקעס און צו זײַן פויערישן געזיכט — כאַטש נעם און צײלעם אים איבער.

יוינע איז געווען אויסגעבונדן מיטן אוריאַדניק, מיטן זעמ־סקען און מיטן שרײַבער פֿון וואָלאַסט. ער פֿלעגט טאָמיד וויסן פֿאָרויס, ווען אַן ערעך עס קומט דער רעוויזאָר אין שטעטל, אָדער כאָלילע דער פּריסטאַוו צוליב געוויסע געהײמע איניאָנים. דאָס פֿלעגט ער, יוינע, מוזן צושטעלן פֿערדלעך פֿאַר די וויכטיקע געסט. אין אַזעלכע פֿאַלן פֿלעגט יוינע אַלײן אַוועקזעצן זיך אויף דער קעלניע און טרײַבן זײַנע באַגלעקלטע סוסים אין דעם פּריצישן וועגל, ווי אַ ריכטיקער קוטשער.

האָט ס'שטעטל געוווּסט, אַז ווי באַלד יוינע אַלײן זיצט אויף דער קעלניע — מוז מען פֿון די קרעמלעך וואָס גיכער די איבעריקע סכוירע אַרויסטראָגן, און די אָפּגעריבענע פּונטן פֿאַרשטעקן הינטערן אויוון...

ס'קומט, הײסט עס, נאַטשאַלסטווע אין שטעטל!

מײַן ערשטע נעסיִע

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס איך בין געווען געשיצט פֿון אַלע זײַטן מיט סגולעס, טרופֿעס און אָפּשפּרעכענישן, האָט דאָך ס'רעכטע הענטל מײַנס נישט אויפֿגעהערט צו קרענקען.

האָט די מאַמע שוין נישט געקענט צוזען דעם צאַר מײַ־נעם, און מיך געפֿירט אין מינסק אַרײַן צו אַ גוטן דאָקטער.

בעטעווע פֿלעגט מען פֿון דוקאָר קײן מינסק פֿאָרן מיט די באַלעגאָלעס. סאַכאַקל איבער אַ נאַכט. אָבער אַז מען פֿירט אַ כוילע, פֿלעגט מען באַנוצן די באַן.

די סטאַציע רודענסק ליגט צען וויאָרסט פֿון דוקאָר. פֿון רודענסק ביז מינסק איז סאַכאַקל צוויי סטאַציעס. די סימכע מײַנע, וואָס איך וועל זען די באַן און טאָקע אַלײן פֿאָרן מיט איר, איז געווען זײער גרויס. איך האָב שוין אַ סאַך זאַכן געהערט וועגן דער באַן און נישט אַלץ געגלײבט, אָבער הײַנ־טיקס מאָל וועל איך אַלײן טאָקע זײַן אויף דער סטאַציע גופֿע,

ווי די באַן קומט אָן. איך וועל קאָנען אַפילו אַרײַן אינעווייניק און באַטראַכטן יעדן וואַגאָן באַזונדער! ווי גוט ס'וועט מיר זײַן!

די מאַמע אָבער האָט אַפּאָנעם נישט געהאַט פאַרשטאַנען מײַנע באַן־היספּײַלעס און דערוואַרטונגען. נאָך איידער זי האָט באַוויזן אַרײַנצוקומען מיט מיר אין וואַגאָן אַרײַן — האָט זי גוט אַרומקוקנדיק זיך פון אַלע זײַטן, מיר באַפוילן, כ'זאָל תיכף אַרונטערקריכן אונטער דער באַנק. נישט ווײסנדיק צוליב וואָס און פאַר וואָס, בין איך גלײַך אונטערגעקראָכן אונטער דער באַנק, ווו איך האָב זיך אויסגעלייגט אויף דער שמוציקער פּאָדלאָגע, טרייסלענדיק זיך פאַר שרעק און נײַגעריקייט.

עפּעס האָט זיך מיר אַלץ געדוכט, אַז ס'איז נאָר אויף אַ ווײַלינקע, אויף צו קלוימערשט, אַז ווי נאָר דער צוג וועט זיך רירן — וועל איך קאָנען אַרויס פון אונטער דער באַנק. אָבער דער צוג האָט זיך גערירט, די מאַמע האָט זיך אויסגעזעצט אויף דער באַנק און פונאַנדערגעשפּרייט איר ספּודניצע ווי אַ פּאָכער. דאָס זעלביקע האָט זי אויך געבעטן טאָן די שכיינע אירע, וואָס איז לעבן איר געזעסן. אויך יענע האָט איר ספּודניצע פונאַנדערגעשפּרייט ווי אַ פּאָכער, איז מיר אונטער דער באַנק געוואָרן פינצטער און הייס, ווי אין אַ פּאַפּלעטש פאַר הינער.

האָב איך פּרובירט דער מאַמען אַ שלעפּ טון פאַרן קלייד — האָט זי אָנגעשריגן אויף מיר, כ'זאָל בלײַבן רויק, ווײַל באַלד דאַרף קומען דער קאָנדוקטאָר. — בין איך געבליבן רויק, זיך צוהערנדיק צום גערויש פון די רעדער, וועלכע האָבן געבראַזגעט מיר צוקאָפּנס. דאָס האָט נאָך מער צערייצט מײַנע „ווילדע געבליטן", ווי די מאַמע פלעגט זאָגן.

ערשט אין אַ שאָ אַרום האָט מיך די מאַמע אַרויסגעשלעפּט פון אונטער דער באַנק אין גאַנצן אַ פאַרבלוטיקטן, ווי כ'וואָלט זיך דאָרטן געמיימיסט, צי וואָס.

לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז געווען נישט מער, ווי בלוט פון דער נאָז. פון צופיל היץ הינטער די צוויי ספּודניצעס, און פון צופיל אויפרעגונג האָט בײַ מיר אָנגעהויבן רינען בלוט פון דער נאָז. האָט מיך די מאַמע אויפן מינסקער וואָקזאַל אַ ביסל אַרומגעוואַשן, אָפּגעפּוצט פון דעם שמוץ און מיך אַוועקגעפירט אויף

דער יוריעווער גאָס צו דער מומע איטקען. האָב איך דאָרטן דעם גאַנצן קאָס מײַנעם אויסגעלאָזן צו זינגערס מאַשין, װעלכע איך האָב אָנגעהויבן שטודירן נאָך זײַענדיק אין דוקאָר.

האָט די מאַמע אויסגעקלאָגט איר ביטער האַרץ פאַר דער עלטערער שוועסטער אירער, פאַר דער מומע איטקען, כאַפּנדיק אַלע װײַלע אַ קוק אויף מיר — דער פליאַגע, — כאָטש איך אַליין, נאָך דער אומגעלומפּע־טער נעסיִע מיט דער באַן, האָב זיך דאַוו־קע גאַנץ גוט דערפילט אין דער געווירישער דירע. מער נישט, די מיזינקע אירע, ראָכל, איז פאַר דער צײַט, װאָס איך האָב זי נישט געהאַט געזען, געוואָרן נאָך גרינער און מאָגערער. דער מילך האָט געהאַלטן בײַ איר אין איין וואַקסן.

— זי גייט אויס װי אַ ליכט... — האָט אויך די מומע איט־קע זיך אָנגעהויבן קלאָגן אויף איר אייגענער „פליאַגע”...

שפּעטער אַ ביסל האָט זי צוגעגעבן:

— דײַן פליאַגע קאָן מען כאָטש העלפן מיט אַן אָפּעראַ־ציע, אָבער מײַנער? װאָס?

נאָך שפּעטער אַ ביסל, װען זי האָט שוין געהאַט באַטראַכט מײַן הענטל, האָט די מומע איטקע אַ זאָג געטון:

— און װי מיינסטו, בראָכקע, װען מען נעמט אים גאָר אין גאַנצן אַרונטער דאָס הענטל — װאָלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל געוואָרן אַן עק צו די צאָרעס...

שטאָט ענטפערן װאָס — האָט זיך די מאַמע מײַנע פונאַנ־דערגעוויינט עלערהויט. דערזעענדיק דאָס, האָב איך גענומען אַזוי האַסטיק דרייען די פוסמאַשין זינגערס, ביז דער גומענער שנור איז אָפּגעשפּרונגען פון דער אונטערשטער ראָד. ס'אויבערשטע רעדל האָט זיך נאָך אַ לאַנגע צײַט געדרייט פון זיך אַליין.

מײַן ערשטע אָפּעראַציע

שאַפּיראָ דער כירורג האָט גאָרנישט געהייסן אַרונטערנע־מען מײַן גאַנצע האַנט. ער האָט נאָר געזאָגט, אַז מען דאַרף אויסשנײַדן דאָס ווילדפלייש און ס'וועט ווערן גוט.

האָב איך אָפּגעמאַכט מיט דער מאַמען, אַז אויב זי קויפט מיר פאַר ניין קאָפּיקעס אַ פערטל בילעט אויף פאָרן צוריק מיט

דער באַן – וועל איך זיך לאָזן שנײַדן, אַנישט וויל איך נישט.
האָט די מאַמע מאַסקים געווען.
מײַנע ברידער זענען געווען איידעס.
שפּעטער אַ ביסל האָט מיך שוין דער דאָקטער שאַפּיראָ אַרויפגעלייגט אויף אַ צעראַטענער באַנק מיט הויכע אײַזערנע פיס, און ער האָט באַדעקט מײַן פּאָנעם מיט מאַרליע.
ס'איז מיר געוואָרן אַ סאַך אומהיימלעכער, ווי נעכטן אונטער דער באַנק אין וואַגאָן, אָבער דער דאָקטער שאַפּיראָ האָט מיך געגלעט און געבעטן אויף יידיש, איך זאָל אים ציילן איינס צוויי–דרײַ און אַזוי ווײַטער.
האָב איך אים געפאָלגט און גענומען ציילן איינס–צוויי–דרײַ–פיר, פּונקט ער וואָלט מיך געלערנט ליטשבע. ווען ס'איז געקומען צו צען, איז מיר פּלוצים געוואָרן זייער ענג אין האַלדז. ס'האָט מיך עפּעס וואָס אָנגעהויבן ווערגן – האָב איך אויסגעשריגן „מאַמע!" „מאַמע!" אָבער די מאַמע מײַנע האָט געוויס נישט געהאַט דערהערט מײַנע אויסגעשרייען צו איר. דער דאָקטער שאַפּיראָ האָט זי געהאַט פאַרשטעקט אין אַ זײַטיקן צימער–זי זאָל נישט קענען זען און הערן, וואָס ער טוט מיט דעם מיזיניק זאַירן...
...נאָך דער אָפּעראַציע האָט מיר די מומע איטקע געגעבן טרינקען פולע גלעזער קעפיר. וואָס זי אַליין פלעגט מאַכן צוליב איר קראַנקער ראָכעלען. די מאַמע פלעגט מיר ברענגען פון מאַרק בייגל מיט גרויסע לעכער, וואָס אַזעלכע לעכער האָב איך נישט געזען אַפילו בײַ לייע מערע דער בייגל-בעקערקע.
די ברידער מײַנע פלעגן יעדן אָוונט קומען אַזש פון קאַמאַרויקע (אַ מינסקער פאַרשטאָט) קוקן אויף מיר מיט אַזעלכע ראַכמאָנעס-אויגן, פּונקט זיי וואָלטן געווען שולדיק קעגן מיר, צי וואָס.
צוריק אין דוקאָר זענען מיר שוין נישט געפאָרן מיט דער באַן, ווי די מאַמע האָט מיר געהאַט צוגעזאָגט, נאָר מיט לייזער באַלעגאָלע. ער איז געווען שולדיק דער מאַמען פאַר אַ פּאָר שטיוול. קומענדיק צוריק אַהיים, זענען מײַנע אַקציעס בײַ די כאַווײרים שטאַרק געשטיגן.
ערשטנס, האָב איך זיי געהאַט אויסדערציילט אַלע כידושים פון

דער באַן, וואָס גייט לאַכלוטן אָן פערד. איך האָב מײַנע כאַוויירים, פאַרשטייט זיך, נישט דערציילט, אַז איך בין נעבעך געפאָרן קיין מינסק אונטער דער באַנק, אַדעראַבע, איך האָב זיי מיט גרויס געניויקייט געשילדערט יעטוועדן וואַגאָן באַזונדער. כ׳האָב זיי אַפילע דערקלערט, ווי אַזוי די באַן גייט פון זיך אַליין... דער צענטער וואַגאָן, דער סאַמע לעצטער, האָב איך זיי דערקלערט, איז צוגעטשעפּעט צו דעם נײַנטן וואַגאָן, איז ווי באַלד דער נײַנטער לאָזט זיך גיין — מוז ער שוין אויך נאָכשלעפּן דעם צענטן. דער נײַנטער איז צוגעטשעפּעט צו דעם אַכטן, דער אַכטער — צו דעם זיבעטן אאַ״וו.

מער נישט, ווי עס לאָזט זיך גיין דער גאָר ערשטער וואַגאָן — דער לאָקאָמאָטיוו — האָב איך זיי נישט געקענט גענוי דערקלערן. אָבער וועגן די איבעריקע נײַן איז געוואָרן אַלץ קלאָר... ווי איך פאַרשטיי איצטער, בין איך שוין דענסטמאָל געווען אַ שטיקל דיכטער...

צווייטנס, זענען מײַנע כאַוויירים געוואָרן שטאַרק נײַגעריק אַ קוק צו טון. וואָס דער באַרימטער דאָקטער שאַפּיראָ האָט אויסגעשניטן פון מײַן האַנט. ווען די האַנט מײַנע האָט זיך אַ ביסל אָפּגעהיילט פון דער אָפּעראַציע, און די הויט אויף איר איז געוואָרן ווײַס און האַרט ווי פאַרמעט — האָט דענסטמאָל מוניע אָשער מעלאַמעדס באַשלאָסן אויסצוקיסווען אויף אָט דער פאַרמעט־הויט מיט רויטן טינט דעם באַרימטן שפּרוך: „מכשפה לא תחיה, לא תחיה מכשפה, מכשפה תחיה לא!״ ד. ה. אַז די קרענק מײַנע זאָל פייגערן ווי אַ מאַכשייפע, אָבער דער דאָזיקער מין טרײַבן די מאַכלע פון מײַן האַנט האָט זי נאָך מער צערייצט און אָנגעמאַכט נאָך גרעסערע ווייטיקן, ווי די אָפּעראַציע פון דעם דאָקטער שאַפּיראָ...

האָב איך דענסטמאָל באַשלאָסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרשטעקן מײַן האַנט גאַנץ טיף אין דער הויזן־קעשענע. איך טראָג זי נאָך אַד האַיעם אָט אַזוי — קיינער זאָל זי נישט זען און נישט טשעפּען...

איך טרינק זיך

שווימען האָב איך נישט געקאָנט, דאָך אָבער פלעגט מיך ציִען צום טײַך צוגלײַך מיט אַלע אַנדערע קיידער־ייִנגלעך. כ׳פלעג אַרומדרייען מײַן קראַנקע האַנט מיט אַ האַנטעך און אויבן נאָך אַ צעראַטקע — דאָס וואַסער זאָל נישט דורכגיין. מיט דער צווייטער — דער לינקער, פלעג איך אָנהייבן מאַכן אַ שוים אַרום זיך, אַ וואַסערמיל. איך פלעג, הייסט עס, דערבײַ זיך פאַרשטעלן, אַז איך שווים קלוימערשט איבער טיפע וואַסערן.

טרעפט אָבער אַ מאָל אין איינעם אַ טאַמוז־טאָג, און ס׳פאַרט אַראָפּ צו דער מומע כאַיען אַ הויכער שלאַנקער באָכער „זען זיך״ מיט איר עלטערער טאָכטער, מיט פראַדען. דעם באָכער האָט מען גערופן בענטשע. געקומען איז ער אויף אַ פערד קימאַט אָן איינגענעם, ווײַל געווען איז ער אַ וואַלדמענטש, און געהאַט טאָמיד אין זײַן רעשוס דאָס פריצישע פערדל.

האָב איך דערפילט, איך קאָן דאָך ווערן מיט אָט דעם פערד אַ שטיקל מעכוטן.

איז מיר דער שידעך שטאַרק געפעלן געוואָרן. איך האָב אָנגעהויבן צושטיין צו דער מאַמען — זי זאָל אײַנרעדן פראַדען כאַסענע צו האָבן מיט אָט דעם בענטשען. דאָס פערד ווערט דאָך מיר דענסטמאָל אַ גליד־שוועסטערקינד!

ווען בענטשע איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיטן זען זיך מיט דער קאַלע — האָט מען זײַן פערד אַוועקגעפירט צום טײַך אויסבאָדן.

בײַ אונדז, קיידער־ייִנגלעך, איז שוין געווען אַ געזעץ אַזאַ, אַז ווען מען באָדט אַ פערד — מעג מען זיך אָנכאַפּן פאַר זײַן עק און מיטשווימען מיט אים.

דאָס זעלבע, פאַרשטייט זיך, האָב איך געטון מיט „מײַן״ פערד. אָבער אַזוי ווי ער איז נישט געווען קיין דוקאָרער, דער פערד, און ער האָט נישט געקאָנט גוט אונדזער טײַכל (סוויסלאָטש — דעם אַלטן דניעפּערס אַן אייניקל), האָט ער מיך פאַרשלעפּט אין די „בייטן״ („קעסלגרוב״). דער פערד, וואָס האָט פריִער געהאַט געשטעלט פּוסטריט איבער דעם פלאַכן באָדן פון אונדזער טײַכל, האָט זיך פלוצים געלאָזט שווימען און מיט זײַנעם אַ הינטערשטן

פוס האָט ער מיר געגעבן אַזאַ זעץ אין בויך, אַז כ׳האָב געמוזט דעם עק זײַנעם אָפּלאָזן און איך האָב זיך אָנגעהויבן טרינקען.

בײַם טרינקען זיך האָט מיר נאָר איין געדאַנק געעקבערט: וואָס וועט עס זײַן איצטער מיט דער מאַמען? ווי וועט זי דאָס קאָנען לעבן אָן מיר?

אָבער לייבע דער מומע טויבעס, וואָס איז געווען אַ גוטער שווימער, האָט מיך באַלד דערקאָנט נאָכן האַנטעך אויף דער רעכ־טער האַנט. פאַרשטייענדיק, אַז איך טרינק זיך — האָט ער מיך אַרויסגעראַטעוועט.

צוויי טעג בין איך אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטער און אַ באַטויבטער, נאָך ערגער ווי פונעם שלאָפּטרונק, וואָס ד״ר שאַ־פּיראָ האָט מיר געהאַט געגעבן. אויפן דריטן טאָג בין איך שוין געווען בײַ פראַדען אויף טנאָים, כאָטש דעם עמעס געזאָגט, וואָלט מיך שוין דענסטמאָל אַ האָר נישט געאַרט, ווען דער שידעך זאָל זיך פונאַנדערגיין...

מײַנע צונעמענישן

נאָכן טרינקען זיך האָט מיך לייע מערע די בייגל־בעקער־קע אַ נאָמען געגעבן דער „געראַטעוועטער״. אויך די פריִערדיקע צונעמענישן מײַנע האָבן זיך נאָך נישט געהאַט אָפּגעטאָן פון מיר.

כ׳פלעג אָפט הערן, ווי די שכיינעס אונדזערע פלעגן זיך נאָכפרעגן בײַ דער מאַמען

— וואָס מאַכט אײַער „פליאַגע״? אָדער:

— ווו איז דאָס הײַנט אײַער „געטשקע״? אָדער:

— וואָס זינדיקט איר, בראָכע, ער איז דאָך בײַ אײַך אַ „געפונענער״ און אַ „געראַטעוועטער״. סאָף קאָל סאָף איז מאַשע דער מעשוגענער אײַנגעפאַלן צו געבן מיר אַזאַ מין צונעמעניש, וואָס קיינעם האָט זיך דאָס גאָרנישט געלייגט אויפן סייכל.

מאַשע איז געווען אָנגעשטויסן אויף דער מאַמען, האַלעמײַ זי האָט אָנגערעדט פראַדען, זי זאָל כאַסענע האָבן מיט בענטשען. זי איז אויך געווען ברויגעז אויף מיר, האַלעמײַ איך פלעג פאָלגן אַ גאַנג איר טאַטן, דעם „וואַריאַט״, ווי זי פלעגט אים אָנרופן:

צוליב אָט די אַלע קאַסן אירע האָט זי מיר גאָר אַ באַמען גע־
געבן: „בראָכקעס מאַמזער". דאָס דאָזיקע ניַיע צונעמעניש האָט
ס'שטעטל נישט אָנגענומען. האָט מען מיך ווידער גערופן מיט
אַלע מיַינע אַלטע צונעמענישן, אַבי נישט מיטן ריכטיקן נאָמען.

ס'איז געווען, זאָגט מען, אַ סגולע קעגן מאַלעך־האַמאָוועס —
ער זאָל נישט וויסן מיַין ריכטיקן נאָמען און נישט טרעפן דעם
וועג צו מיר. מער נישט דעם ראָווס מישפּאָכע פלעגט מיך רופן
מיט מיַין ריכטיקן נאָמען: דאָניע — אַ פאַרקירצונג פונעם וואָרט
דאַניִעל. אַד האַיעם טראָג איך דעם דאָזיקן פאַרקירצטן נאָמען, כאָטש
איך בין שוין אַ ייִד אין די יאָרן...

סאָף קאָל סאָף איז מיר פאָרט באַשערט געווען צו דערזען
איין מאָל מיַין פולן, ריכטיקן נאָמען, אויסגענייט מיט רויטער
וולוטשקע אויף שוואַרצן סאַמעט. דאָס האָט געמאַכט אונדזער
שכיינעס טאָכטער, ריווקע לייע־מערעס, דאָס דאַרע, בלאַסע מיידל,
מיט די פלאַקערדיקע אויגן.

זי האָט געהערט אין שטוב רעדנדיק, אַז איך קלויב
זיך ווערן באַרמיצווע, פאַר דער מאַמען איז דאָס געווען די
גרעסטע סימכע, עפּעס אַ קלייניקייט: דערשלעפּט איר „פליאַ־
גע" צו באַרמיצווע!

די דאָזיקע פרייד האָט זיך געהאַט איבערגעגעבן צו
דער בלאַסער ריווקעלען, וואָס האָט נעבעך געליטן פון דער
(שווינדזוכט). זי האָט אָבער געהאַט אַ שוואַכקייט צום אויס־
נייען קאָלערליי ייִדישע זאַכן.

אין שטוב ביַי אונדז איז שוין געהאָנגען אירער אַ מיז־
רעך, מיט לייבן און מיט טויבן. האָט זי געקריגן כיישעק צו
אויסנייען מיר אַ מאַטאָנע צו באַרמיצווע — אַ שוואַרצן, סאַ־
מעטענעם טפילן־זעקל, אויף וועלכן ס'האָט זיך מיט רויטע
אויסיִעס געכיינדלט מיַין פולער נאָמען „דאַניִעל טשאַרני"...

די מאַמע אירע, לייע־מערע, האָט זי אַפילע מוסער גע־
טון, האַלעמיַי זי האָט אויסגעהעפט מיַין פולן נאָמען, וויַיל
דאַניִעל ענדיקט זיך מיט „על" און „על" איז דאָך דער
טיַיטש: גאָט, אָבער נישט ריווקעלע און נישט איך האָבן זיך
געהאַט גענומען צום האַרצן. זענען מיר ביידע שטאָלץ געווען
אויף אָט דעם טפילן־זעקל.

אַ שאָד נאָר, וואָס ריווקעלע האָט נעבעך נישט דערלעבט צו זײַן אויף מײַן באַרמיצווע. באַלד נאָך דעם ווי זי האָט מיר געהאַט אויסגענייט דאָס טפילן־זעקל, האָט זי געקריגן אַ שטאַר־קע פאַרקילונג און זי איז טאַקע געשטאָרבן.

עפּעס האָט זיך מיר אַלץ געדוכט, אַז איך בין אַ ביסל שולדיק אין איר טויט. ווען זי גייט נישט אויס מײַן פּולן נאָמען וואָס ענדיקט זיך מיט גאָט — וואָלט זי נאָך עפּשער געבליבן לעבן?

ריווקעלעס טויט האָט מיך איבערגעצײַגט, אַז ליפּע דער שנײַדער איז טאַקע געווען גערעכט, ווען ער האָט געטײַנעט, אַז דאָס צימער, וועלכן די מאַמע פאַרדינגט, איז אַ שלימאַזלדיקער...

מיר קלויבן אַ ראָוו

דער אַלטער ראָוו, מוישע טשאַרני, וואָס איז מיר געווען אַן עלטער־פעטער, האָט די לעצטע יאָרן געליטן פון מאָגן־גע־שווירן, האָט מען אים געפּאָמפּעט און געהיילט. געפּאָמפּעט און געהיילט, ביז ער איז נעבעך געשטאָרבן.

איז פאַרבליבן נאָך אים אַ מישפּאָכע זאַלבעצענט. האָט מען גענומען זוכן אַ נײַעם ראָוו פאַרן שטעטל — אַ באָכער, וואָס זאָל כאַסענע האָבן מיט דער עלטסטער טאָכטער. אַזוי אַרום וואָלט שטעטל געקאָנט באַזאָרגן די ראַבאָנישע מישפּאָכע מיט כאַיונע.

ס׳שטעטל האָט גרויס דערעכערעץ געהאַט פאַר דעם פאַר־שטאָרבענעם ראָוו און געוואָלט ווי בעסער צו פאַרזאָרגן זײַן פאַריאָסעמטן הויזגעזינד.

האָט ס׳שטעטל געזוכט אַ נײַעם ראָוו פאַר זיך און אַ מאַן פאַר דער עלטערער יעסוימע.

דערווײַל מאַכט זיך אַ געשיכטע, און מײַן עלטערער ברו־דער, באָניע, באַשרײַבט אין מינסקער רוסישן בלעטל אונדזער שטעטל, אָנהייבנדיק פון קושע דעם באַלעגאָלע, וואָס שרײַט „באַבאַ אַנוטשי, באַבאַ אַנוטשי״, ביז דעם צעדרייטן „מוישע אַבע — דער הימל פאַלט!״

ער האָט זיך שוין, קאָנטיק, אָנגעלייענט, מײַן ברודער, מיט אַלע טרייף פּאָסלען און ער האָט גאָר אין גאַנצן אויסגעלאַכט אונדזער שטעטל. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט זייער געקאָנט שאַטן צום שידעך, וואָרעם וועלכער ראָוו, אַן ערעך, וועט עס וועלן אָנקומען אין אַזאַ מין קאַבצאַנסק? האָט עס מיך שטאַרק פֿאַרדראָסן, ווײַל כ'האָב זייער ליב געהאַט דעם ראָווס מישפּאָכע און געוואָלט, אַז פֿרומע־סאָרע (אַזוי האָט געהייסן די עלטסטע טאָכטער) זאָל קריגן אַ לײַטישן מאַן.

איך האָב דעמאָלט אָנגעשריבן קיין מינסק צו מײַן ברודער באָגיען אַ בריוו, און אים געלאָזט וויסן, אַז ער זאָל זיך בעסער אין דוקאָר נישט ווײַזן, ביז פֿרומע־סאָרע וועט מיט מאַזל כאַסענע האָבן, אַנישט קאָן ער נאָך כאָלילע כאַפּן אויסגעפּאַטשט פֿון צאַלע דעם ראָווס.

דאָך אָבער, לאָזט זיך אויס, האָבן נישט אַלע ייִדן אויף דער וועלט געלייענט דאָס מינסקער בלעטל. איז איין מאָל אַראָפּגעפֿאָרן אין דוקאָר אַ באָכער פֿון דער באָברויסקער יעשיווע. ער איז פֿאַרפֿאָרן גלײַך צו ייִסראָעל דעם שויכעט „זען זיך” פֿריִער מיטן שטעטל.

דער ראַבאָנישער כאָסן־באָכער האָט, פֿאַרשטייט זיך, קוידעם־קאָל, געדאַרפֿט געפֿינען כיין אין די אויגן פֿון אונדזערע גאַבאָיִם און רעדלפֿירער, נאָך דעם שוין האָט מען אים געדאַרפֿט ווײַזן די קאַלע זײַנע.

יענעם אָוונט איז פֿרומע־סאָרע, געדענק איך, געזעסן טיף פֿאַרטרויערט אין דער אַלטער ראַבאָנישער שטוב און זי האָט געדולדיק אָפּגעוואַרט דעם גוירל אירן.

האָב איך זיך נישט אײַנגעהאַלטן און כ'בין אַוועקגעלאָפֿן צו ייִסראָעל שויכעט אָנקוקן דעם כאָסן־ראָוו. איך בין באַלד דערנאָך געקומען צו לויפֿן צו פֿרומע־סאָרען אָנזאָגן איר, אַז ער איז זייער אַ שיינער און אַ יונגער.

פֿרומע־סאָרע האָט מיר דערפֿאַר געשמאַק אַ קוש געטון, פֿון דעמאָלט אָן איז זי מיר געוואָרן אײַנגעבאַקן אין האַרצן, ווי מײַן אייגענע שוועסטער.

אויף מאָרגן האָט שוין אָשער מעלאַמעד פֿונאַנדערגעלאָזן

דעם כיידער אין מיר, כיידער־ייִנגלעך, האָבן זיך מעסאַמייעך געווען מיט גאַנץ שטעטל, וואָס האָט אַ נײַעם ראָוו באַקומען.

צוליב דעם דאָזיקן געשעעניש האָב איך געלאָזט מאַכן אַ פּאַראַד פֿון אַלע מײַנע כאַיאַלעס הינטער יאַקובקע דעם שמידס קוזניע, וואָס לעבן דער באָד.

איך בין גראָד דענסטמאָל געווען קייסער איבער אַלע ייִנגלעך פֿון אָשער מעלאַמעדס כיידער. מיר האָבן דורך אַן אָפּענער פּאָלקסציילונג צווישן מײַנע סאָלדאַטן באַשלאָסן צו אָנערקענען דעם נײַעם ראָוו, וואָס גייט כאַסענע האָבן מיט דער עלטסטער יעסוימע פֿון האָראָוו מוישע טשאַרני.

מערנישט לייבע ליפּע דעם שנײַדערס, וואָס זײַנעם אַ ברודערל האָט די מאַמע זײַנע געהאַט צוגעשטיקט זייגנדיק, ווען זיי האָבן נאָך געהאַט געוווינט בײַ אונדז אין שטוב, האָט זיך אײַנגעאַקשנט, אַז אַ ראָוו דאַרף זײַן אַן עלטערער ייִד, מען זאָל פֿאַר אים דערעכערעך האָבן, אָבער נישט אַזאַ מין יעשיווע־באָכער, וואָס דאַרף ערשט כאַסענע האָבן.

האָב איך מיט מײַן שייני־לעמעלעך בערל סימכעס באַשלאָסן, אַז מען דאַרף אָט דעם לייבקען, ווען ער גייט קעגן קאָהעל, אויסשמײַסן מיט קראָפּעווע.

דעם זעלבן טאָג נאָך האָט מען לייבקען פֿאַרשלעפּט הינטער דער באָד, ווו ס'איז געוואַקסן אַ סאַך קראָפּעווע און מען האָט אים אויפֿן הוילן אַרײַנגעצימבלט מיט אַ ספּעציעלן קראָפּעווע־בעזעמל אַ צענדליק „מאַלקעס”. באַלד נאָך דעם האָט ער שוין געמוזט אײַנגיין אויפֿן שידעך.

עמעס, לייבקע האָט נאָך דער דאָזיקער „באָד” נישט געקענט זיצן גאַנצע דרײַ טעג, אָבער דערפֿאַר האָבן מיר אים באַשטימט פֿאַר אַ גאָראָדאָוואָי, ווײַל אַ גאָראָדאָוואָי מוז דאָך סײַ־ווי־סײַ שטיין!

אַזוי אַרום האָבן קינד און קייט מאַסקים געווען, אַז דער שוואַרץ־באַבערדלטער באָכער מיט די פֿלאַקערדיקע אויגן זאָל ווערן ראָוו איבער דוקאָר און איבער אַלע ייִדישע יישוווים, וואָס אַרום דוקאָר. איבערהויפּט האָבן מיר, ייִנגלעך, געדאַרפֿט אַכטונג געבן, אַז קיינער זאָל אין דוקאָר נישט פֿאַרקויפֿן קיין הייוון און

קיין ליכט, ווײַל די דאָזיקע פּאַרנאָסע האָט געהערט נאָר צו דעם ראָווס מישפּאָכע.

פלעגט דעם ראָווס מישפּאָכע דאַרפן פאַר דעם איין דאָ־נערשטיק, ווען מען קויפט הייוון אויף כאַלעס, און פאַר דעם איין פרײַטיק, ווען מען קויפט שאַבעסליכט, אָנלייזן אַזוי פיל — עס זאָל זיי קלעקן אויף אַ גאַנצער וואָך.

אָבער נישט אַלע קונדן פלעגן צאָלן מעזומאָנים. כ׳ווייס, אַז דינסטיק־מיטוואָך פלעגן שוין בײַ זיי ווערן ענגלעך אין די מע־זומענע פאַר גראָשן.

דאָך אָבער איז דעם ראָווס שטוב געבליבן טאָמיד אָפן פאַרן גאַנצן שטעטל. יעדן פאַרנאַכט פלעגן שטעטלדיקע ייִדן טרינקען טיי פונעם אַלטן סאַמאָוואַר, און נישט איין אוירעך פלעגט באַקומען אָפּצועסן. דעם ראָווס מישפּאָכע האָט געהאַט אַ שעם פון גרויסע מאַכניס אָרכים. אַפילע מיר, דער פליאַגע, פלעגט די יונגע רעבעצין, פרומע סאָרע, אונטערטראָגן אַ גלאָז „סיראָדאָי“ (פרישגעמאָלקענע מילך), ווײַל דאָניע, פלעגט זי טײַ־נען, מוז דאָך האָבן „פּפלעגע“.

פלעג איך זיך אָפּט אַרײַנכאַפּן צום ראָוו באַקומען אַביסל „פּפלעגע“.

מ׳וויל אָפּקויפן אַ ברודער

דער מאַמען מײַנער איז נאָך אַלץ געגאַנגען שלעכט און גער. זינט ס׳איז געווען די גרויסע געניייווע, האָט זי בעשום אויפן נישט געקאָנט קומען צו זיך. זי פלעגט שטענדיק זײַן פאַרפלאָנ־טערט אין געמילעס כאַסאָדים און כויוועס.

אָפּטמאָל פלעגט די מאַמע אַרײַנפאַלן אין אַזאַ מין ייִעש, אַז זי פלעגט אָנהייבן טײַנען צום ריבוינע שעל אוילעם:

— גאָט מײַנער, איך בעט בײַ דיר נאָר איין זאַך — זאָלסט מיך נישט שטעלן אויף דער קייט! — דאָס האָט זי געמיינט, זי זאָל, כאָלילע, נישט אַראָפּ פון זינען, אַזוי שווער פלעגט איר זײַן!

עמעס, די מאַמע האָט איין מאָל באַקומען אַ שטיקל יערו־שע פון דעם פעטער שמועל־יאָשען, וואָס אין מינסק. אַ פעטער, וועלכן כ׳האָב קיין מאָל נישט געהאַט געזען, אָבער פון וועלכן

כ'האָב זיך געהאַט אָנגעהערט אַ סאַך טשעקאַווע מײַסעס. ער פלעגט קאָנען אויסטרינקען צען גלעזער טיי נאָך אַנאַנד. האָט זיך דער פעטער שמועל־יאָשע פאַרן טויט דערמאָנט אָן מײַן מאַמען, און ער האָט איר איבערגעלאָזט אַ גאָלדענע צענרובלדיקע.

די דאָזיקע צענרובלדיקע האָט גישט אַזוי פאַרבעסערט דער מאַמעס לאַגע, ווי געהויבן איר שטימונג. עפּעס האָט זיך געפּוּ־נען אָן אייגן הארץ, וואָס האָט, ווינציקסטנס, וועגן איר אַ טראַכט געטאָן. ס'האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס אָט דער פעטער שמועל־יאָשע נעבעך איז געשטאָרבן, און ער וועט שוין נישט קאָנען מער טראַכטן וועגן מײַן מאַמען.

עמעס, ס'איז געווען נאָך איינער אַ ייִד, וואָס פלעגט אַרײַנ־גיין אין דער מאַמעס לאַגע, כאָטש ער האָט איר מיט גאָרנישט געקאָנט העלפן. דאָס איז געווען אָשער מעלאַמעד.

אויף אים האָט זיך געגלוסט טאָן עפּעס גוטס פאַר דער מאַמען. איז ער איין מאָל געקומען צו איר מיט איינעם אַ פּלאַן, וואָס ער האָט געבראַכט אַזש פון מינסק.

— הער נאַר, בראָכקע! — האָט ר' אָשער אַ זאָג געטאָן צו דער מאַמען — איך וועל דיר עפּעס דערציילן, אָבער זאָלסט אויף מיר קיין פאַריבל נישט האָבן...

— אויף אײַך פאַריבל האָבן? וואָס רעדט איר, גאָט איז מיט אײַך! — האָט אים די מאַמע איבערגעשלאָגן.

— איז אָט וואָס... — האָט אָשער מעלאַמעד מעיושעווודיק אָנגעהויבן — כ'מיין, אַז מען דאַרף טראַכטן וועגן אַ טאַכליס פאַר די קינדער... אָט די עלטערע דײַנע זענען שוין, דאַנקען גאָט, אַ ביסל אײַנגעאָרדנט, שטיקלעך פאַרדינער, אָבער מיט די ייִנגערע וואָס, האַ?...

— אַ ראַכמאָנעס נעבעך אויף די ייִנגערע... — האָט אָשער מעלאַמעד שוין אָנגעהויבן טײַנען צו זיך אַליין, קוקנדיק אַלץ אויף זײַנע פינגער, ווי ער וואָלט פון זיי געוואָלט באַקומען לאָשן.

די מאַמע, באַמערקנדיק, אַז אָשער מעלאַמעד האָט זיך עפּעס פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט געזוכט ווערטער, ווי בעסער אַרויסצורעדן זײַן געדאַנק, מיט וועלכן ער איז צו אונדז עקסטרע געקומען — האָט זי צו אים אַזוי געזאָגט:

— ר׳ אָשער, איך בין דאָך עפּעס אַ ייִדענע, רעדט מיט מיר פּאָשעטע דיבורים. וואָס הייסט עס אַ טאַכליס פּאַר קינדער? איר האָט זיך דאָך עפּעס אָנגעטראַכט, רעדט פּאָשעטע די־בורים...

האָט ר׳ אָשער, ווי די מאַמע וואָלט אים פּלוצים פונאַנדער־געבונדן די הענט, מיט וועלכע ער האָט באַדאַרפט רעדן — האָט ער טאַקע אָנגעהויבן מיט פּאָשעטע דיבורים:

— פאַרשטייסטו מיך, בראָכקע, די זאַך איז אַזוי. דײַן שמועל גייט, אָן איינעהאָרע, אַלץ העכער און העכער. אויסער דעם, וואָס ער איז אַ מאַסמיד, איז ער טאַקע אַן אילוי אויך. דער ראָש־יעשיווע איז פון אים אויסער זיך. נישט נאָר דער ראָש־יע־שיווע, אויך אַפילע דער גאַבע פון שול, זאַלצמאַן, אַ גוויר אַדיר, און אַ כאָסעד טאַקע פון אונדזערע, פון די ליובאַוויטשער, האָט אויף אים געוואָרפן אַן אויג.

— ער עסט דאָך בײַ אים אַ טאָג, עסט ער דאָך, ווייסטו דאָך, איז נו — האָט ער אויף אים געוואָרפן אַן אויג...

ר׳ אָשער האָט זיך ווידער פאַרקוקט אויף זײַנע פינגער, ווי עמעצער וואָלט זיי ווידער געהאַלטן אין פּענטען און נישט לאָזן אים אויסרעדן די זאַך ביזן סאָף, האָט אים די מאַמע ווי־דער אויפגעמונטערט, געבנדיק אים צו פאַרשטיין, אַז זי באַנעמט נאָך נישט אייגנטלעך וואָס אַן ערעך ער איז אויסן, אָט דער זאַלצמאַן.

— וואָס הייסט וואָס? — האָט רעב אָשער זיך אָנגעהויבן וונדערן, וואָס די מאַמע שטויסט זיך אַלץ נישט אָן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך — ער האָט אַ טאָכטער, האָט ער, דער זאַלצמאַן, טאַקע אין איינע יאָרן מיט דײַן מוליען, און ער איז גרייט, זאָגט ער, איבערנעמען דײַן זון צו זיך אויף אַלעם פאַרטיקן, געבן אים קאָל טוווו, און זאָל ער לערנען, ביז די בסולע זײַנע וועט אונ־טערוואַקסן.

— ס׳איז, זאָג איך דיר, אַ גאָלדענער שידעך, אַ שמאַלצ־גרוב! — איז ר׳ אָשער געוואָרן לעבעדיק, ווי ר׳וואָלט שוין גע־

האָט געכאַפּט אַ גוטע קויסע אַל כעשבן דער צוקונפטיקער כאַ־
סענע...

די מאַמע, געדענק איך, האָט זיך פאַרטראַכט אַ ביסל, ווי זי
וואָלט וועלן אויסזוכן פאַר ר׳ אָשערן אַזאַ מין ענטפער, וועלכער
זאָל אים כאָלילע נישט באַליידיקן. צום סאָף האָט זי צו אים
אַזוי געזאָגט:

— צי דען ווייסט איר נישט, ר׳ אָשער, אַז ס׳איז בעסער
פון גאָט אַ ביטערן בלאָט, איידער פון מענטשן אַ זיסן...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן, כאַפּנדיק אַ קוק אויך
אויף מיר:

— גענוג פאַר מיר, וואָס איך האָב אָט דעם „פליאָגע" מײַ־
נעם פאַרקויפט צו אײַער שווער, אָבער מוליע, דאַנקען גאָט, איז
בײַ מיר אַליין אַ מאַזלדיקער, און נישט איך קאָן אים אָנווײַזן די
וועגן זײַנע...

האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָ רעדט זיך וועגן „פאַר־
קויפן" מוליען צו איינעם אַ זייער רײַכן ייִדן אין מינסק. האָט
מיך אָנגעכאַפּט אַ גרויסער צאַר פאַר אָט דעם ברודער מײַנעם,
וואָס עמעצער וויל אים אָפּקויפן אויף אייביקע יאָרן.

ווען ר׳ אָשער איז אַן אַנטוישטער אַרויס פון אונדזער
שטוב, בין איך צוגעפאַלן צו דער מאַמען, זי זאָל מיך שוין
אויך אָפּשיקן אין מינסק אַרײַן, ווו אַלע מײַנע ברידער געפו־
נען זיך, און זי וועט שוין נישט דאַרפן מער זאָרגן זיך אַזוי
וועגן מיר.

אין דער עמעסן אָבער האָב איך גאָר געהאַט בעדייַ־
אַכטונג צו געבן אין מינסק, אַז מען זאָל מײַן ברודער שמועלן
נישט פאַרקויפן צו אַ פרעמדן ייִדן.

דאָס דאָזיקע צושטיין מײַנס צו דער מאַמען האָט נאָך
מער צערייצט איר פאַרביטערט אַלמאָנע־האַרץ. האָט זי זיך
גוט אויסגעוויינט, ווישנדיק די טרערן מיט די צוויי עקלעך פון
איר קאָפּטיכל. אויך מײַנע אויגן האָבן אָנגעהויבן נעצן...

איך בונטעווע זיך

ווען איך בין געוואָרן בארמיצווע, האָב איך זיך אָרומ־געזען, אַז ס'איז גאָר קיין טאַכלים נישט צו שטעקן הינטער דער מאַמעס פאַרטעך.

די מאַמע אַליין האָט אויך דערפילט אַ שטיקל אָפּשײַ פאַר מיר, און ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן לייגן טפילין — האָט זי אויפגעהערט צו שלאָפן מיט מיר אין איין בעט. איך בין שוין, הייסט עס, געוואָרן אַ שטיקל מאַנצביל.

אַכוץ דעם קאָן איך שוין אויף אויסנווייניק נישט נאָר בלאָשטיינס גראַמאַטיק, נאָר אויך אַפילע אַ שטיק אַריטמעטיק. ס'איז שוין טאַקע געווען צײַט, אַז די מאַמע זאָל מיך אַוועק־שיקן אין מינסק, ווו אַלע מײַנע ברידער געפינען זיך.

די גאָר עלטערע צוויי ברידער, מענדל און זאַלקע, זע־נען שוין אין מינסק געוואָרן שטיקלעך פאַרדינערס. איינער האָט געהאַט אַ שטעלע אין דער ביליקער קיך, און דער צווייטער — אין דעם ביליקן טייהויז. דאָס האָט, אַפּאָנעם, מײַן פעטער ישעיע גרונטפעטס, דער שטאָט־סאָרסער, זיך אײַנגעשטעלט פאַר זיי. די אַנדערע צוויי ברידער, שמועל און באָרעך, לערנען נאָך קלוימערשט אין דער טאַטערשער שול. אָבער אויף צו דער עמעסן לערנען זיי זיך גאָר אויף די פיר קלאַסן. דאָס לעצטע האָט זיי געשאַדט צו „טעג״. האָט שוין די מאַמע פאַרשטאַנען, אַז די זין אירע וועלן קיין ראַבאָנים נישט ווערן.

איך אַליין בין אויך געווען גאַנץ ווײַט פון פרומקייט, כאָטש איך האָב פאַרמאָגט אַזאַ פיינעם טפילין־זעקל. איך האָב זיך דאָך טאָמיד געדרייט צווישן ווײַבער, האָבן זיי אין מיר אײַנגעפלאַנצט מער אָבערגלויבן ווי גלויבן.

אַכוץ דעם האָט מיר איין מאָל געטראָפן אַ סיבע, צוליב וועלכער איך בין גאָר אין גאַנצן געוואָרן אַן אַפּיקוירעס.

דאָס איז געווען גראַד שאַבעס, ווען איך בין געווען אַוועק מיט מײַן שייני־לעמעלעך בערל סימכעס אין „אַלגעשטשינע״ — אַ וועלדל הינטער דוקאָר, ווו אַלע פלעגן שפּאַצירן. איך האָב גע־מוזט זיך באַראַטן מיט אים וועגן גאָר וויכטיקע מעלוכע־איניאָנים.

ערשט פּלוצים טרעפֿן מיר אין וואַלד יאָסעף וועליעס — דעם סאַמע גרעסטן אינטעליגענט פֿון שטעטל — ווי ער רייכערט אַ פּאַפּיראָסל. ער האָט זיך, קענטיק, געהאַט דערשראָקן, מיר זאָלן נישט דערציילן אין שטעטל — האָט ער זיך אָנגעזועצט אויף אונדז, אַז מיר ביידע זאָלן אויך פּאַררייכערן, ביפראַט נאָך, אַז ער גיט אונדז אומזיסט פּאַפּיראָסן...

זעענדיק, אַז אונדז פֿעלט אויס מוט צו רייכערן אין שאַבעס, איז יאָסעף וועליעס נישט פֿויל געווען צו האַלטן פֿאַר אונדז אַ לעקציע, אַז ס'איז ביכלאַל נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט, ער קאָן אונדז מאָרגן באַווײַזן, אַז ס'איז אַלץ פֿון דער נאַטור.

קעדיי אָבער צו באַווײַזן אונדז, אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט, מוז ער האָבן אַ פּוסטע פֿלאַש און אַן אָפּגעקאָכט איי, האָט ער אונדז אָנגעהויבן בעטן — מיר זאָלן אים גלייבן ביז מאָרגן אויפֿן וואָרט, מאָרגן ווײַזט ער אונדז די קונץ.

האָבן מיר שוין געמוזט אויסרייכערן מיט אים די פּאַפּיראָסלעך (אַ ברייִרע האָבן מיר געהאַט? — ער איז געווען זייער אַ געזונטער), און אויף מאָרגן האָט ער אונדז טאַקע געוויזן די קונץ:

יאָסעף וועליעס האָט גענומען אַן אָפּגעקאָכט איי, עס אָפּגעשיילט און אַרויפֿגעלייגט אויפֿן העלדזל פֿון אַ פֿלאַש, אין וועלכער ער האָט פֿריִער געהאַט אַרײַנגעוואָרפֿן אַ שטיקל ברענענדיק פּאַפּיר.

און וווּנדער איבער וווּנדער! דאָס אָפּגעשיילטע איי האָט דורך דעם שמאָלן העלדזל זיך גענומען ציִען אין דער פֿלאַש אַרײַן, ביז עס האָט זיך טאַקע בעשאָלעם אַרונטערגעלאָזט אויף דער דעק.

— אַהאַ, זעט איר! — האָט מיט טריִומף יאָסעף וועליעס אַ זאָג געטון. פֿון דעמאָלט אָן האָב איך שוין אָנגעהויבן רייכערן אַפֿילע אין שאַבעס.

איך האָב דער מאַמען, פֿאַרשטייט זיך, נישט דערציילט, אַז ס'איז אַלץ פֿון דער נאַטור. אָבער אויך די מאַמע פֿלעגט מיר נישט דערציילן. אָט, לעמאָשל, האָב איך זיך אין איינעם אַ זונטיק געכאַפּט, אַז ס'פֿעלט מיר דער גאַנצער אויצער מײַנער אין שופּ-

לאָד. עס זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן אַלע מײַנע זילבערנע צענער־לעך, וואָס איך האָב נאָך אַלץ אַזוי ליב געהאַט, און געמיינט מיט זיי ווען עס איז דערפרייען די מאַמע.

די מאַמע האָט מיר אַפילו נישט דערציילט, ווען און ווי אַזוי זי האָט זיי אויסגעגעבן. זי האָט געוווּסט, אַז ס'וועט זײַן פאַר מיר אַ גרויסער צער. ווען כ'האָב גענומען צו איר צושטיין — זי זאָל מיר דערציילן — זענען בײַ איר פֿײַכט געוואָרן די אויגן.

האָב איך זיך אויך פונאַנדערגעוויינט, און גענומען טײַנען, אַז ווען זי לאָזט מיך אָפּ קיין מינסק — וואָלט איך אויך געוואָרן אַ לײַט.

בין איך צו איר אַזוי לאַנג צוגעשטאַנען, ביז זי האָט באַ־שלאָסן צו פאָרן מיט מיר צו דער מומע ריווטשען אַן אייצע האַלטן.

דער האַלבער מילשטיין

די מומע ריווטשע, אַ ייִנגערע שוועסטער דער מאַמעס, האָט געוווינט מיט איר מאַן— דעם פעטער פּײַווע — און מיט אַלע זיי־ערע קינדער אויפן יישעוו, צען וויאָרסט פון דוקאָר.

דער פעטער פּײַווע האָט געהאַלטן אין אַרענדע די לעשט־ניצער מיל און געלעבט זיך גאַנץ באַלעבאַטיש.

אויסער דעם פלעגן זיך דאָרטן טאָמיד אַרומדרייען פאַר־שידענע סאָכרים און װאַלדמענטשן, וועלכע האָבן געהאַט צו טון אין יענע מעקוימעס. פלעגט זיי אַרײַנפאַלן אַ מאָל אַ זײַטיקער גראָשן אויך.

מיר איז שוין דאָס ערטל באַקאַנט געווען, ווײַל מיט עט־לעכע יאָר צוריק בין איך שוין דאָ געווען מיט דער מאַמען.

מיר זענען• דעמאָלט געווען געקומען אַהער נעמען דעם האַלבן מילשטיין, וואָס דער פעטער פּײַווע האָט געהאַט אָפּגע־שענקט פאַר אַ מאַצייווע דעם טאַטן.

דער אַנדערער האַלבער מילשטיין איז נאָך, קענטיק, גע־בליבן וואַרטן לעבן דער מיל אויף נאָך עמעצנס אַ נישט־באַמאַ־צייוועטן קייווער.

אַבער הײַנטיקס מאָל איז די מאַמע געקומען אַהער אויס־קלאָגן איר ביטער האַרץ פאַר איר ייִנגערער שוועסטער און, אַגעווי־אַן אייצע האַלטן, וואָס טוט מען מיט דעם מיזיניק, וועלכער האָט זיך אויפגעבונטעוועט, און וויל שוין אויך קיין מינסק.

האָט דער פעטער פּײַווע, געדענק איך, אַרײַנגערופן די מאַמע אין אַ זײַטיקן צימער און עפּעס וואָס אַרײַנגעקנעלט מיט איר.

שפּעטער אַ ביסל, ווען זיי ביידע זענען, ווי נישט־היגע, אַרויס פונעם זײַטיקן צימערל, און זיי האָבן דערזען, ווי די מומע ריוועשע שלעפּט בײַ מיר די קראַנקע האַנט פון קעשענע, אַ קוק צו טון — האָבן זיך ביידע שוועסטער איבערגעקוקט מיט פײַכט געוואָרענע אויגן, און די מאַמע איז ווידער אַ מאָל פאַרשוווּנדן גע־וואָרן אין דעם זײַטיקן צימער, אָבער שוין נישט מיטן פעטער פּײַווען, נאָר מיט דער מומע ריוועשען. האָב איך אָנגעהויבן צי־טערן, אַז אויך דער פעטער פּײַווע זאָל נישט אָנהייבן שלעפּן בײַ מיר די האַנט פון קעשענע.

צוריקפאָרנדיק האָט מיר די מאַמע געהאַט פאַרטרויט אַ סאָד, אַז דער פעטער פּײַווע רעדט איר אַ שידעך מיט איינעם אַ וואַלד־סוחער פון זעמבין. וואָס זאָג איך דערצו?

דערבײַ זענען בײַ דער מאַמען ווידער אַ מאָל פאַרלאָפן גע־וואָרן די אויגן מיט טרערן. זי האָט אָנגעהויבן וויינען אויף אַ־בעווייניק גאָר ווי אַ מאָל אויפן וועג פון סמילעוויטש, ווען דער בייזער דאָקטער האָט מיר געהאַט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן.

האָב איך דערפילט, אַז עמעצער זאָגט מיר שוין ווידער אַ מאָל אָפּ דאָס לעבן, און כ'ווייס נישט, פאַרוואָס איך האָב זיך פּלוצים דערמאָנט אַן דעם צווייטן האַלבן מילשטיין, וואָס קאָן ווערן אַ גוטע מאַצייווע אויך פאַר מיר.

דאָך אָבער האָב איך שפּעטער אַ ביטל די מאַמע אַזוי באַרויִקט:

— מאַמע טײַערע, אויב דיר נאָר וועט זײַן גוט — וועט מיר אויך גוט זײַן!

— אָט וועסטו זען!

האָט זיך שוין די מאַמע געהאַט דענסטמאָל פונאַנדערגע־וויינט אויפן קאָל.

איז מינסק, אין מינסק!

— „מאַמע טײַערע, אויב נאָר דיר וועט זײַן גוט — וועט אונדז אויך זײַן גוט!“ — איז געווען די לעצטע פראַזע, מיט וועלכער מיר, אַלע אירע זין, האָבן זי געהאַט אַרויסבאַגלייט פון מינסק צו איר נײַער היים. זי האָט מיך איבערגעלאָזט אין רעשוס פון מײַנע עלטערע פיר ברודער. און מיר, אַלע פינף, האָבן די מאַמע געקושט און געהאַלדזט און באַרויִקט, פונקט ווי זי וואָלט זיך געווען אַוועקגעלאָזט אין אַ ווײַטער אומבאַקאַנטע נעסיִע, איבערלאָזנדיק אונדז אַלעמען אויף הע[פ]קער...

אָבער קיינער פון אונדז האָט זיך נישט געפילט העפקער. אַפילע איך, דער מוזיניק, האָב זיך דערפילט אַזוי זיכער און היימיש אין דער סוויווע פון מײַנע פיר שטײַפע, יונגע און האַרציקע ברידער, וועלכע האָבן מיך אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און אָפענע הערצער.

מיך האָט נאָר פאַרדראָסן, האַלעמײַ מיר קומט אויס צו שלאָפן אויף צוויי קישנס, בייס די אַלע איבעריקע ברידער מײַנע שלאָפן נאָר אויף איינער. די מאַמע אָבער האָט זיך אײַנגעאַקשנט, אַז פאַר דאָניען מוז זי געבן צוויי קישנס, ווײַל ער איז נעבעך נאָך אַלץ אַ שוואַכער און אַ קראַנקער.

דאָס זענען געווען, דוכט מיר, די לעצטע צוויי קישנס פון דער מאַמעס באַלעבאַטישקייט.

שפּעטער אַ ביסל האָבן זיך אַלע פינף ברידער פאָטאָגראַפירט אויף איין קאַרטע, און זי איבערגעשיקט צו דער מאַמען אויף איר נײַעם אַדרעס אין שטעטל זעמבין, און אויף איר נײַער פאַמיליע — קליאַנסקי.

אויך די מאַמע האָט זיך געלאָזט פאָטאָגראַפירן, און יעדער איינער פון אונדז האָט געהאַט באַקומען פון איר אַ קאַרטע.

דערמיט, אַפּאָנעם, האָבן זיך געהאַט פאַרענדיקט מײַנע קינדעריאָרן.